STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03319

BAR MITSVE

Kalman Vitman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בר מצוה

געשטיצט אויף די סדרות און הפטרות פון אלע שבתים, מיט די נויטיגסטע דינים פון תפלין און פאסיגע אינסטרוקציעס צו לערער

פון

קלמן ווייטמאן

ארויסגעגעבען פון

היברו פאבלישינג קאמפאני

632 בראדוויי, ניו יארק

COPYRIGHT, 1929
BY
HEBREW PUBLISHING CO.

Printed in United States of America

PRINTED AT THE
MONOLIN PRESS
NEW YORK

אינהאלט

זייט

הקדמה	
פאָרמען פון אײַנלייטונגען צו די רעדעס	1
פאָרמען פון שלוסען צו די רעדעס	4
בראשית	7
נח	9
לך לך	11
וירא	14
חיי שרה	17
תולדות	19
ויצא	21
וישלח	23
וישב	26
מקץ	29
ויגש	31
ויחי	31
שמות	35
וארא	38
בא	40
בשלח	42
יתרו	44
משפטים	46
תרומה	48
תצוה	50
תשא	51
ויקהל	53
פקודי	55
ויקרא	57
צו	59
תזריע און מצורע	62
הפטרה פון מצורע	63

אינהאלט
(פארטזעצונג)

	זייט
אחרי	65
קדושים	67
אמור	69
בהר	71
בחקתי	73
במדבר	75
נשא	77
בהעלותך	79
שלח	81
קרח	83
חקת	85
בלק	86
פנחס	88
מטות	90
מסעי	91
דברים	93
ואתחנן	95
עקב	97
ראה	99
שופטים	101
תצא	103
תבוא	104
נצבים	106
וילך	108

הקדמה

דער איד אין אמעריקא היט שטארק אפ דעם מנהג פון פראוועון בר־מצוה. אפילו אזעלכע אידען וואס זיינען ניט שטארק מקפיד אז זייערע קינדער זאלען קריגען א פולע אידישע ערציהונג זיינען זעהר מדקדק אין דעם ענין פון בר־מצוה.

די בר־מצוה פייערונג איז בכח איבערלאזען אויפ'ן בר־מצוה בחור א טיפען איינדרוק. באזונדערס ווען ער האט געקראגען א גוטע אידישע ערציהונג פאר דער בר־מצוה. די בר־מצוה רעדע קען פיל ביישטייערען צו דעם דאזיגען גוטען איינדרוק, אויב זי האט אין זיך א געוויסען אידישען אינהאלט.

אין דעם דאזיגען בוך פון בר־מצוה רעדעס האב איך זיך באמיהעט אז יעדע רעדע זאל האבען אין זיך אזא אינהאלט. דאס האב איך דער־גרייכט דורך דעם וואס איך האב יעדע רעדע פארבונדען מיט א געוויסען טייל פון דער סדרה און הפטרה. יעדע רעדע דריקט אויס א געוויסען צענטראלען אידישען געדאנק, געשטיצט אויף איינעם אדער מעהר פסוקים. חוץ דעם צענטראלען געדאנק ווערט פאר יעדער רעדע געגעבען א פארמע פון אן איינלייטונג און נאך איר — א שלוס. אויף אזא אופן באשטייט יעדע רעדע פון דריי חלקים וועלכע זיינען נויטיג פאר א רעדע וואס זאל לאזען אן איינדרוק.

באמערקונגען צום לערער

א. דער לערער קען געבען דעם בר־מצוה בחור אדער די סדרה־רעדע אדער די הפטרה־רעדע. ווען דער לערער פיהלט אז דער בר־מצוה בחור איז מסוגל צו אויסלערנען ביידע רעדעס, קען ער איינטיילען אזוי, אז איין רעדע זאל זיין פאר דער שול און די צווייטע פאר דער סעודה.

ב. דער לערער קען צוגעבען צום אינהאלט פון דער רעדע אדער ענדערען דא און דארט די שפראך. ער זאל אבער ניט ארונטערנעמען פון דעם אינהאלט, ווייל דער תמצית פון יעדער רעדע איז א גאנצע זאך פאר זיך און דאס ארונטערנעמען קען פוגם זיין דעם גאנצען אינהאלט.

ג. עס איז זעהר נויטיג אז דער לערער זאל גוט ערקלערען דעם אינהאלט פון דער רעדע איידער דער בר־מצוה נעמט זיך צו איינ־שטודירען פון דעם בוך.

אין דעם איז דא א דאפעלטע נוצען:

1. דער בר־מצוה וועט זיך ערווערבען א צענטראלען אידישען געדאנק. 2. ווען דער בר־מצוה וועט גוט וויסען דעם אינהאלט וועט ער דאס איבערגעבען פאר'ן פובליקום מיט פארשטענדעניש און געפיהל.

די דינים פון תפילין

א) די מצוה פון תפילין איז זייער וויכטיג, און מען דאַרף איר האַלטען הייליג, ניט ריידען קיין דברים בטלים און נאַרישקייטען, און דער וואָס וועט פאָלגען אַזוי, איז זיכער אַז ער וועט האָבען אַ חלק לעולם הבא.

ב) נאָכן אָנטאָן דעם טלית לייגט מען די תפילין. אויף אויב ער האָט געמאַכט אַ טעות און גענומען פריהער די תפילין, אפילו ווען זיי זיינען נאָך אין תפילין־זאַק, זאָל ער לייגען פריהער די תפילין און נאָכהער אָנטאָן דעם טלית.

ג) דעם של יד דאַרף מען לייגען אויף דער לינקער האַנט, אויף דעם אָרט פון די מוסקלען, אָפּגעבויגען אַ ביסעל צום זייט אַנט־קעגען האַרץ. דעם של ראש—אין דער הויך פון שטערן לעבען די האָר, צווישעןביידע אויגען. אויב ער האָט געלייגט אָן אַ זייט איז די מצוה קיין מצוה ניט.

ד) דער קשר (קנופּ) פון של ראש דאַרף ליגען אין מיטען פון דעם נאַקען, וואו די האָר הויבען אָן צו וואַקסען. און מען דאַרף זעהן אַז עס זאָל זיין פעסט, און עס זאָל זיך ניט אַרומרוקען.

ה) די תפילין לייגט מען שטעהענדיג. מען זאָל זיי אַרויסנעמען לאַנגזאַם פון תפילין זאַק, און ניט אַרויסוואַרפען. אַ פריהער לייגט מען דעם של יד, און פאַר'ן מאַכען דעם קשר, זאָגט מען די ברכה „להניח תפלין". נאָכדעם מאַכט מען דעם קשר און מען וויקעלט אַרום זיבען מאָל אַרום האַנט. נאָכהער טהוט מען אָן דעם של ראש און מען זאָגט די ברכה „על מצות תפלין". נאָכדעם זאָגט מען „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

ו) אויב ער האָט פאַרגעסען און גענומען דעם של ראש אַ פריי־הער, זאָל ער אים אַוועקלייגען און נעמען דעם של יד.

ז) עס טאָר קיין זאַך ניט ליגען צווישען די תפילין און דעם לייב, סיי ביים של יד און סיי ביים של ראש.

ח) מען טאָר ניט ריידען, צווישען דעם לייגען פון של יד און של ראש. אפילו ווען ער הערט קדיש אָדער קדושה, זאָל ער ניט מפסיק זיין. ער זאָל נאָר מכוון זיין וואָס דער קהל זאָגט.

ט) אויב צוליעב אַ צופאַל קען ער מעהר ניט לייגען ווי איין תפלה, דאַרף מען לייגען איינס. אויב דעם של יד זאָגט מען „להניח תפילין". אויב דעם של ראש, זאָגט מען „להניח תפלין" און „על מצות תפלין", און „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

י) ער דאַרף זעהן אַז דער גלאַטער זייט פון דער רצועה דאַרף זיין אין דרויסן. אויב די רצועה האָט זיך איבערגעקעהרט דאַרף מען פאַסטען אָדער אויסלייזען דורך צדקה. ווען די תפילין פאַלען אַראָפּ אָהן דעם תפילין־זאַק דאַרף מען פאַסטען. אָבער אויב אין תפילין־זאַק דאַרף מען ניט פאַסטען, נאָר אויסלייזען דורך צדקה.

יא) אויב ער האָט אויסגעטאָן די תפילין צוליעב איין אורזאַך, און נאַכהער דאַרף ער אָנטאָן צוריק, דאַרף ער פון דאָס ניי מאַכען די ברכות.

יב) עס איז אַ מנהג אַ טאַפּ צוטאָן די תפילין און קושען זיי, ווען ער זאָגט „וקשרתם לאות על ידך".

יג) מען טאָר ניט אויסטאָן די תפילין ביז נאָך „ובא לציון".

יד) די תפילין דאַרף מען אויסטאָן שטעהענדיג אַ פריהער דעם של ראש און נאָכדעם דעם של יד. און נאָכדעם טוט מען אויס דעם טלית.

טו) תפילין דאַרף מען טראָגען ווען מ'פילט זיך פולשטענדיג געזונט. אויב ער האָט בויך־ווייטאָג, איז ער פטור פון תפילין.

טז) עס פיהרט זיך, איידער איינער ווערט בר מצוה, דאַרף ער אָנהויבען לייגען תפילין, מיט אַ צוויי דריי חדשים פריהער, בעפאָר ער ווערט דרייצעהן יאָר.

סדר הנחת תפלין

תפלה קודם הנחת תפלין

מנהג אשכנז לומר קודם הנחת תפלין נוסח זה:

לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ לְיַחֵד שֵׁם י"ה בו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל. הִנְנִי מְכַוֵּן בְּהַנָּחַת תְּפִלִּין לְקַיֵּם מִצְוַת בּוֹרְאִי שֶׁצִּוָּנוּ לְהָנִיחַ תְּפִלִּין כַּכָּתוּב בְּתוֹרָתוֹ וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ וְהָיוּ לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ וְהֵם אַרְבַּע פָּרְשִׁיּוֹת אֵלּוּ. שְׁמַע. וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ. קַדֵּשׁ. וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ. שֶׁיֵּשׁ בָּהֶן יִחוּדוֹ וְאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ בָּעוֹלָם, וְשֶׁנִּזְכּוֹר נִסִּים וְנִפְלָאוֹת שֶׁעָשָׂה עִמָּנוּ בְּהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם. וַאֲשֶׁר לוֹ הַכֹּחַ וְהַמֶּמְשָׁלָה בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים לַעֲשׂוֹת בָּהֶם כִּרְצוֹנוֹ. וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ עַל הַיָּד, לְזִכְרוֹן זְרוֹעַ הַנְּטוּיָה וְשֶׁהִיא נֶגֶד הַלֵּב לְשַׁעְבֵּד בָּזֶה תַּאֲוֹת וּמַחְשְׁבוֹת לִבֵּנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וְעַל הָרֹאשׁ נֶגֶד הַמּוֹחַ, שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמוֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וּמִשֶּׁפַע מִצְוַת תְּפִלִּין יִתְמַשֵּׁךְ עָלַי לִהְיוֹת לִי חַיִּים אֲרוּכִים וְשֶׁפַע קֹדֶשׁ וּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת בְּלִי הַרְהוּר חֵטְא וְעָוֹן כְּלָל וְשֶׁלֹּא יְפַתֵּנוּ וְלֹא יִתְגָּרֶה בָנוּ יֵצֶר הָרָע וְיַנִּיחֵנוּ לַעֲבוֹד אֶת יְיָ כַּאֲשֶׁר עִם לְבָבֵנוּ. וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ וֵאלֹהֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּהֵא חֲשׁוּבָה מִצְוַת הֲנָחַת תְּפִלִּין לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. כְּאִלּוּ קִיַּמְתִּיהָ בְּכָל פְּרָטֶיהָ וְדִקְדּוּקֶיהָ וְכַוָּנוֹתֶיהָ וְתַרְיַ"ג מִצְוֹת הַתְּלוּיִם בָּהּ אָמֵן סֶלָה:

קודם הנחת של יד יאמר זה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ תְּפִלִּין:

קודם הנחת של ראש יאמר זה:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל מִצְוַת תְּפִלִּין:

ותיכף יאמר בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד:

ומהדקה בראשו ואומר

וּמֵחָכְמָתְךָ אֵל עֶלְיוֹן תַּאֲצִיל עָלַי. וּמִבִּינָתְךָ תְּבִינֵנִי. וּבְחַסְדְּךָ תַּגְדִּיל עָלַי וּבִגְבוּרָתְךָ תַּצְמִית אֹיְבַי וְקָמַי. וְשֶׁמֶן הַטּוֹב תָּרִיק עַל שִׁבְעָה קְנֵי הַמְּנוֹרָה. לְהַשְׁפִּיעַ טוּבְךָ לִבְרִיּוֹתֶיךָ: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן:

אח"כ יכרוך שלש כריכות על האצבע האמצעי ויכרון תחלה כריכה אחת בפרק האמצעי ואח"כ בראש הפרק התחתון ואח"כ בסוף פרק התחתון ויאמר פסוקים אלו,

וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי לְעוֹלָם: וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים: וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ אֶת יְיָ:

קודם חליצת תפלין יאמר זה,

וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר: קַדֶּשׁ לִי כָל בְּכוֹר פֶּטֶר כָּל רֶחֶם בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה לִי הוּא: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים כִּי בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיא יְיָ אֶתְכֶם מִזֶּה וְלֹא יֵאָכֵל חָמֵץ: הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב: וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ יְיָ אֶל אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ לָתֶת לָךְ, אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ וְעָבַדְתָּ אֶת הָעֲבֹדָה הַזֹּאת בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה: שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי חַג לַיְיָ: מַצּוֹת יֵאָכֵל אֵת שִׁבְעַת הַיָּמִים וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל גְּבֻלֶךָ: וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר, בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְיָ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם: וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת יְיָ בְּפִיךָ, כִּי בְּיָד חֲזָקָה הוֹצִאֲךָ יְיָ מִמִּצְרָיִם: וְשָׁמַרְתָּ אֶת הַחֻקָּה

הַזֹּאת לְמוֹעֲדָהּ מִיָּמִים יָמִימָה: וְהָיָה כִּי יְבִאֲךָ יְיָ אֶל אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לְךָ וְלַאֲבֹתֶיךָ וּנְתָנָהּ לָךְ: וְהַעֲבַרְתָּ כָל פֶּטֶר רֶחֶם לַייָ וְכָל פֶּטֶר שֶׁגֶר בְּהֵמָה אֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ הַזְּכָרִים לַייָ: וְכָל פֶּטֶר חֲמֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה וְאִם לֹא תִפְדֶּה וַעֲרַפְתּוֹ וְכֹל בְּכוֹר אָדָם בְּבָנֶיךָ תִּפְדֶּה: וְהָיָה כִּי יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ מָחָר לֵאמֹר מַה זֹּאת, וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים: וַיְהִי כִּי הִקְשָׁה פַרְעֹה לְשַׁלְּחֵנוּ וַיַּהֲרֹג יְיָ כָּל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבְּכֹר אָדָם וְעַד בְּכוֹר בְּהֵמָה עַל כֵּן אֲנִי זֹבֵחַ לַייָ כָּל פֶּטֶר רֶחֶם הַזְּכָרִים וְכָל בְּכוֹר בָּנַי אֶפְדֶּה: וְהָיָה לְאוֹת עַל יָדְכָה וּלְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ כִּי בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְיָ מִמִּצְרָיִם:

לפני קריאת התורה

בָּרְכוּ אֶת יְיָ הַמְבוֹרָךְ:

והקהל עונים

בָּרוּךְ יְיָ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד:

וחוזר ואומר

בָּרוּךְ יְיָ הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ נוֹתֵן הַתּוֹרָה:

אחר קריאת התורה

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ נוֹתֵן הַתּוֹרָה:

פארמען פון איינלייטונגען צו די רעדעס

ערשטע פארמע

מיינע ליבע עלטערען און ווערטע פאַרזאַמעלטע:

דער היינטיגער טאָג איז ביי מיר אַ יום טוב. דער גרעסטער יום טוב וואָס איך האָב געהאַט ביז יעצט. ווייל היינטיגען טאָג ווער איך בר־מצוה. היינטיגען טאָג שליס איך זיך אָן אין דעם אידישען פאָלק און נעם אויף זיך די אַלע הייליגע פליכטען וואָס ליגען אויף יעדען אידען.

איך ווייס ווי וויכטיג איז דער היינטיגער טאָג פאַר מיר און פאַר אייך, טייערע עלטערען. איך לייען אין אייערע אויגען די טיפע פרייד וואָס איהר פיהלט איצט, ווען איהר האָט זוכה געווען מיך צו דערציען ביז דעם היינטיגען טאָג. איך פיל אויך מיט מיין גאַנצער נשמה די שטאַרקע געפיהלען פון אייער ליבע צו מיר, ווען איר זעהט מיך שטעהן דאָ אין דעם מקום קדוש איינגעוויקעלט אין טלית און דריק אויס דאָס וואָס איך טראָג אין מיין האַרצען.

אויך איך פיהל אַ טיפע פרייד. און די דאָזיגע פרייד איז אַ הייליגע, אַ נשמה פרייד. ווייל דאָס איז די פרייד פון אַ יונגען אידען, ווען ער גיט זיך איבער צום אידישען פאָלק.

איך ווייס: עס הויבט זיך פאַר מיר אָן אַ ניי אידיש לעבען. און פאַרשידענע געדאַנקען און געפילען באַהערשען מיר. דער בעסטער וועג זיי אויסדריקען, איז צוזאָגען אַ פאָר ווערטער וועגען דער סדרה (דער הפטרה) פון היינטיגען שבת.

צווייטע פארמע

טייערע עלטערן און געשעצטע פאַרזאַמעלטע:

דער היינטיגער טאָג איז ביי מיר זעהר הייליג. ווייל היינטיגען טאָג ווער איך בר מצוה. איך ווער אַ מיטגליד צום גרויסען אידישען פאָלק. איך נעם אויף זיך די פליכטען וואָס אונזער הייליגע תורה וואַרפט אַרויף אויף יעדען אידען.

דאָס איז אָבער ניט נאָר אַ הייליגער טאָג. עס איז אויך אַ יום טוב, אַ שמחה פאַר מיר און פאַר אייך, ליבע עלטערען.

איך זעה די שמחה אין אײַערע פינקעלדיגע אויגען. איר פרייט זיך דערמיט, וואָס איר האָט דערלעבט מיר צוזעהן דא, פאַר אײַך גרייט אַרויסצוזאָגען דאָס וואָס איך פיהל און איר פיהלט.

און פיל און פאַרשידען זיינען די געדאַנקען און געפיהלען וואָס באַוועגען מיך איצט, ווען איך טרעט אַריין אין אַ נייער פעריאָדע פון מיין לעבען. שווער איז אָבער פאַר מיר אויסצודריקען די פאַרשידענע געדאַנקען. וואָס קען איך טאָן?

איך וועל זיך שטיצען מיט מיינע ווערטער אויף דער היינטיגער סדרה. (הפטרה) דאָס וועט מיר פאַרלייכטערן אַרויסצוברייינגען מיינע געדאַנקען.

דריטע פארמע

מיינע ליבע עלטערען און ווערטע פאַרזאַמעלטע:

עס איז היינט ביי מיר און ביי אײַך, מיינע עלטערן, אַ גרויסער יום טוב. איך האָב זיך היינט אנגעשלאָסען אין דעם אידישען פאָלק און זיך פאַרבונדען מיט אונזער תורה. איך בין געוואָרען בר־מצוה און דערמיט האָב איך אויף זיך גענומען אויסצופילען די פליכטען וואָס ליגען אויף יעדען געטרייען אידען.

אויך איהר ליבע עלטערען פרייט זיך מיט מיר. איך לייען דאָס אין אײַערע אויגען. אײַער שמחה קוועלט פון אַ הייליגען קוואַל, דער קוואַל פון אײַער שטאַרקער ליבע צו מיר, פון דעם גרויסען גליק וואָס איר האָט, ווען איר זעהט מיך דאָ אין שול אַלס בר־מצוה.

איך האָב היינט אסך וואָס צוזאָגען, ווייל פול איז מיין האַרץ און אײַער האַרץ, ליבע עלטערען. ווייל אַ ניי לעבען הויבט זיך אָן פאַר מיר.

איך וועל אָבער פאַרבינדען מיינע געדאַנקען און געפיהלען מיט דעם וואָס ווערט געזאָגט אין דער היינטיגער סדרה (הפטרה). דאָס וואָס יעדער פיהלענדער איד וואָלט געזאָגט וועגען דעם דאָזיגען ענין.

פערטע פארמע

מיינע ליבע עלטערען און געערטע פאַרזאַמלונג:

איך האָב היינט אַ יום טוב, דער הייליגסטער יום טוב אין מיין

גאַנצען לעבען, ווייל היינט בין איך געוואָרען בר מצוה. איך בין אריבער פון מיין קינדער וועלט אין דער וועלט פון יוגענד. ביז אהער בין איך געווען שוואַך צופאַרשטיין די גרויסקייט פון אונזער תורה און צו מקיים זיין אירע מצות. פון היינט אָן און ווייטער אָבער, ווער איך אַלץ קרעפטיגער סיי אין קערפּער, סיי אין גייסט, און איך קען שוין נעמען אויף זיך דעם הייליגען יאָך פון אונזער תורה און רעליגיע.

איך בין פול מיט גליק און שמחה. און ווען איך קוק אויף אייך מיינע ליבע עלטערן ווערט מיין פרייד נאָך שטאַרקער און האַר־ציגער. מיין פרייד קומט אָבער אויך פון אַנאַנדער קוואַל. דאָס זיינען די געדאַנקען וועגען דעם היינטיגען טאָג. די געדאַנקען וואָס קומען צו מיר—ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דער סדרה (הפטרה) פון היינטיגען שבת.

(ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגען דער וויכטיגקייט פון היינטיגען יום טוב פאַר דעם גאַנצען פאָלק ישראל).

פינפטע פארמע

מיינע ליבע עלטערען און ווערטע פאַרזאַמעלטע:

עס איז היינט ביי מיר אַ הייליגער טאָג, אַ טאָג פון הייליגע געדאַנקען און איידעלע געפיהלען. ווייל היינטיגען טאָג בין איך בר־מצוה געוואָרען. דאָס הייסט, געשלאָסען אַ בונד מיט דעם פאָלק ישראל און מיט דער תורה פון ישראל.

היינט איז אָבער ביי מיר ניט נאָר אַ הייליגער טאָג, נאָר אויך אַ טאָג פון שמחה און גליק, פאַר מיר און מיינע עלטערען. מיר זיינען גליקלאַך וואָס איך בין שוין גייסטיג צוגעגרייט צו פאַרשטעהן די גרויסע וויכטיגקייט פון אונזער פאָלק און פון דעם וואָס איך ווער היינט איינער פון זיינע מיטגלידער. מיר זיינען גליקלאַך וואָס היינ־טיגען טאָג בין איך צוגעגרייט זיך פאַרפליכטען צו מקיים זיין די מצוות וואָס אַ איד דאַרף טאָן.

היינט הויבט זיך ביי מיר אָן אַ נייע עפּאָכע אין מיין לעבען. און פילע געדאַנקען ווערען ביי מיר אַרויסגערופען. מיט אַ טיפער צופרידענהייט וועל איך פאַרבינדען די דאזיגע געדאַנקען מיט דער סדרה (הפטרה) פון היינטיגען שבת.

פארמען פון שלוסען צו די רעדעס

ערשטע פארמע

איך האָב דאָ געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגען דער סדרה. (הפטרה) ערלויבט מיר דאָ אַרויסזאָגען וואָס איך פיהל איצט צו מיינע עלטערען.

איך ווייס, ליבע עלטערען, ווי גרויס און שווער איז געוועזען אייער מיה מיך צו מגדל זיין זינט איך בין געבוירען געוואָרען ביז דעם היינטיגען טאָג. איך ווייס ווי פיל איהר האָט געזאָרגט פאַר מיר יעדען טאָג און יעדער שטונדע. קען איך אַייך באַצאָלען דאָס וואָס איהר פאַרדינט? קענען פאַרגליכען ווערען אַלע אוצרות פון גאָלד און זילבער צו דעם וואָס איהר האָט געטאָן פאַר מיר?

ניין. דאָס איז אונמעגליך. ווייל דאָס וואָס עלטערען טוען פאַר זייער קינד איז ניט אָפּצושאַצען. און איהר פאָדערט דאָך פון מיר ניט קיין באַלוינונג. נאָר וואָס דען פאָדערט איהר פון מיר?

איך זאָל זיין אַ ליבער געטרייער זון. מקיים זיין די מצוה פון „כבד את אביך ואת אמך". זיין געטריי צו אונזער תורה און פאָלק און זיין אַ ערליכער מענש.

דאָס, ליבע עלטערען, נעם איך אויף זיך צוטאָן. און גיב גאָט אַז איך זאָל האַלטען פינקטליך מיין וואָרט.

און איהר ווערטע פאַרזאַמעלטע: נעמט אָן די ברכה פון אַיונגען אידען: זאָל גאָט געבען איהר זאָלט זיך משמח זיין אויף שמחות פון אַלע אייערע ליבע און אַז מיר זאָלען אין גיכען זוכה זיין צו זעהן די אידישע גאולה, אין ארץ ישראל, און די גאולה פון דער גאַנצער מענשהייט, אמן.

צווייטע פארמע

נאָכדעם ווי איך האָב דאָ גערעדט וועגען דער באַדייטונג פון היינטיגען טאָג, איז מיר זעהר שווער צובאַהאַלטען די געפיהלען צו אַייך, ליבע עלטערען, און צו דער גאַנצער פאַרזאַמלונג.

טייערע עלטערען: איך ווייס וואָס איהר האָט פאַר מיר געטאָן פון מיין געבורטסטאָג אָן ביז היינט. איך ווייס וואָס איהר דענקט וועגען מיין צוקונפט, ביז איך וועל אויסוואַקסען אַ פאָלקאָמענער

מענש. קען איך אויסדריקען מיט ווערטער די געפיהלען פון דאַנק־באַרקייט וואָס איך טראָג אין מיין האַרצען צו אייך? אָדער קען איך אייך מיט עפּעס באַלוינען פאַר אַלעס וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן?

ניין. ווייל עס איז ניטאָ קיין גרענעץ און קיין סוף צו דער גרויס־קייט און וויכטיגקייט פון דעם וואָס עלטערען טוען פאַר זייערע קינדער.

איך דענק אָבער אַז מיין פּאַסיגסטע באַלוינונג און דאַנקבאַר־קייט וועט זיין: מקיים זיין די מצוה פון „כבד את אביך ואת אמך" און אָפּהיטען די מצות וואָס זיינען אַ פליכט אויף מיר סיי אַלס איד סיי אַלס מענש. און איך ווייס אַז אַזאַ באַלוינונג וועט אייך מעהר צופרידענשטעלען פון אַלע רייכטימער וואָס איך וואָלט אייך גע־קענט געבען. און איך דריק אויס מיין תפלה: זאָל גאָט אייך געבען לאַנגע, געזונטע און גליקליכע יאָרען. און איר זאָלט זוכה זיין האָבען פיל נחת פון מיר און פון אַלע אייערע ליבע.

און איר ווערטע פאַרזאַמעלטע, נעמט אָן מיין האַרציגע דאַנק־באַרקייט פאַר אייער אַנטייל נעמען אין אונזער שמחה, און נעמט אויף אַ ברכה וואָס ווערט אייך געגעבען פון אַ ריין האַרץ, און אַ ריינער שטונדע און אין אַ ריין פלאַץ.

זאָל גאָט אייך שיקען וואָס מעהר שמחות, און מיר זאָלען אַלע זוכה זיין צו הערען גליק און פרייד אין אַלע אידישע הייזער און צו זעהן די פולע גאולה פון דעם גאנצען אידישען פאָלק און פון דער גאַנצער וועלט, אמן.

דריטע פארמע

איך האָב דאָ אַרויסגעזאָגט אַ פאַר געדאנקען וועגען דער סדרה (הפטרה). לאָמיך דאָ עפּעס זאָגען צו אייך, מיינע ליבע עלטערען, * און צו די אַלע פאַרזאַמעלטע.

ליבע עלטערען: איר האָט פיל דורכגעלעבט און דורכגעליטען ביז איר האָט מיך צוגעפיהרט צום היינטיגען יום טוב. פיל האָט איר געטאָן פאַר מיין קערפּער און מיין גייסט. האָב איך די מעגליכ־קייט מיט עפּעס אייך באַצאָלען פאַר אַלעס וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר ביז יעצט און פאַר דעם וואָס איר דיינקט צו טאָן אין דער צוקונפט?

ניין. עס איז נאָך דערוויל ניט ערפונדען געוואָרען דער לוין וואָס קינדער קענען געבען צו זייערע עלטערען.

איך ווייס אָבער אַז איר, מיינע ליבע עלטערען, פאָדערט פון מיר קיין באַלוינונג ניט. וואָס דען פאָדערט איר פון מיר?

אַ ריינע נשמה, שיינע מדות און ערליכע מעשים. דאָס וועט זיין אייער באַלוינונג. און די דאָזיגע באַלוינונג, נעם איך זיך אונטער, אייך צו געבען. און אַ האַרציגע תפלה איז ביי מיר: „גיב מיר, גאָט, גענוג כח און מוט צו מקיים זיין דאָס וואָס איך זאָג צו מיינע טייערע עלטערען אין דעם היינטיגען טאָג וואָס איז ביי מיר אַזוי הייליג. און אין דעם דאָזיגען הייליגען פלאַץ".

און ווייטער בעט איך גאָט אַז ער זאָל אייך געבען אריכת ימים און גליק און שמחה און איר זאָלט האָבען פיל נחת פון מיר און פון אַלע אונזערע ליבע.

און איר, ווערטע פאַרזאַמעלטע, נעמט אָן אַ ברכה פון אַ יונגען חבר און פון אַ ריין האַרץ.

„זאָל גאָט געבען אַז אייביגע שמחה זאָל הערשען ביי אייך און ביים גאַנצען פאָלק ישראל, און אַז מיר זאָלען אין גיכען זוכה זיין צו פייערען דעם יום טוב פון דער אידישער גאולה און פון דער גאולה פון דער גאַנצער מענשהייט, אמן.

בראשית

די סדרה

אַ באַזונדער פרייד פיהל איך דורך דעם, וואָס מיין בר מצוה פאַלט אויס היינטיגען שבת, שבת בראשית. דאָס איז דער שבת ווען מיר הויבען אָן די תּורה און לייענען וועגען דער וועלט באַשאַפונג.

וואָס לערנען מיר היינטיגען שבת?

אַז פריהער פון אַלעס האָט געהערשט אַ תּהו ובֹהו, דאָס הייסט, עס איז ניט געווען קיין אָרדנונג. דער נאָך האָט גאָט געמאַכט באַשטימטע געזעצען און געבראַכט אָרדנונג אויף דער וועלט. מיר לערנען ווייטער, אַז גאָט האָט אַלעס באַשאַפען מיט שכל און אויסרעכנונג, און אַז ער פּאַסט אויף אָן אַן אויפהער אויף אַלעס וואָס ער האָט באַשאַפען.

דאָס אַלעס וועל איך גוט געדענקען און עס וועט מיר פיל צונוץ קומען. איידער איך בין געוואָרען דרייצען יאָר אַלט האָט געהערשט אַ תּהו ובהו, אַ אומאָרדנונג אין אַלעס וואָס איך האָב געטראַכט און געטאָן, ווייל איך בין געווען ניט מער ווי אַ יונג קינד. פון היינטיגען טאָג אָן און ווייטער דאַרף איינגעפיהרט ווערען אָרדנונג אין מיין לעבען. דאָס מיינט איך דאַרף לעבען לויט באַשטימטע געזעצען. דאָס זיינען די געזעצען פון אונזער הייליגער תּורה.

איך דאַרף אויך זעהן צולעבען מיט שכל און אויסרעכענונג. איך דאַרף זיך רעכענען מיט דעם ווילען פון גאָט, מיט דעם ווילען פון מיינע עלטערען און מיט דעם ווילען און שטרעבען פון דעם גאַנצען פאָלק ישראל.

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר אויך וועגען שבת. וועגען דעם הייליגען טאָג אין דער וואָך וואָס גאָט האָט אונז געגעבען פאַר רוה און פאַרגעניגען, פאַר תּפלות און זמירות און תּורה. גליקלאַך איז אונזער פאָלק וואָס האָט געקראָגען אַזאַ געבענשטען טאָג, און גליקלאַך בין איך וואָס איך ווער היינטיגען שבת אַ מיטגליד צו אונזער פאָלק.

די הפטרה

איך פיהל די וויכטיגקייט פון מיין היינטיגען טאָג, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין אַ פּאָר פּסוקים פון אונזער היינטיגער הפטרה.

דאס זיינען די פּסוקים:

„אני ה׳ קראתיך בצדק, ואחזק בידך, ואצרך, ואתנך לברית עם, לאור גוים. לפקח עינים עורות. להוציא ממסגר אסיר. מבית כלא–יושבי חשך.״

וואָס מיינען די פּסוקים?

דער נביא לאָזט אונז וויסען אין דעם נאָמען פון גאָט, אַז ער האָט גערופען צו זיך דאָס פאָלק ישראל צו ווערען זיין פאָלק–מיט רעכט. דאָס הייסט ווייל דאָס אידישע פאָלק פאַרדינט דאָס, איז ווערט צו זיין דאָס פאָלק פון גאָט. ווייטער לערענט אונז דער נביא, אַז גאָט האַלט אונזער פאָלק ביים האַנד, פיהרט אים און שטיצט אים. צו וואָס? פאַר וועלכען צוועק? כדי אונזער פאָלק זאָל בריינגען ברודערשאַפט און שלום אויף דער וועלט, כדי אונזער פאָלק זאָל לייכטען פאַר אַלע פעלקער, זאָלען זיי לערנען רעכט און גערעכטיגקייט און זאָל זיי עפענען די אויגען צו זעהן דעם ריכטיגען וועג פון לעבען. גאָט האָט אויך גערופען דעם פאָלק ישראל צו באַשיצען און רעטען דעם געיאָגטען און געדריקטען מענשען פון די וואָס יאָגען אים און אונטערדריקען איהם.

די דאָזיגע הייליגע ווערטער זיינען מקויים געוואָרען ביי אונז זינט מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק. אַלע ערליכע און אינטעליגענטע מענשען ביי אַנדערע פעלקער אַנערקענען, אַז אונזער תּורה איז אַ תּורה וואָס גיט ליכט און לעבען; אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק פון יושר און צדק און איז שטענדיג גרייט צו קעמפּפען פאַר דעם. אַזאַ פאָלק זיינען מיר געווען פון אייביג אָן און אַזאַ פאָלק וועלען מיר בלייבען אין דער צוקונפט. באַזונדערס ווען מיר וועלען ווערען אַ פריי פאָלק אויף אונזער אייגען לאַנד און לעבען לויט אונזער תּורה און רעליגיע.

אָט אָ די דאָזיגע געדאַנקען קומען ביי מיר אַרויף היינטיגען טאָג, ווען ס׳הויבט זיך ביי מיר אָן אַ ניי אידיש און מענשליך לעבען.

נח

די סדרה

ווען איך טראַכט זיך אַיין אין דער היינטיגער סדרה ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט אמת'ן אידישען שטאָלץ.

מיר לערנען אין דער סדרה, אז גאָט האָט באַשלאָסען צו ברייג־גען אַ מבול אויף דער וועלט. זאָגט אונז דער פסוק: ותשחת הארץ לפני האלהים, ותמלא הארץ חמס". געפינען מיר אין דעם דאָזיגען פסוק אַ כלל, אַן אַלגעמיינעם זאַץ, און אַ פרט—אַ זאַץ וואָס דריקט זיך אויס באַשטימטער און גענויער. דער כלל איז: די וועלט איז פאַרדאָרבען געוואָרען. דאָס מיינט, מענשען האָבען געטאָן פאַר־שידענע סאָרטען זינד. דער פרט איז: די וועלט איז געוואָרען פול מיט רויב. און אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבען דאָס נאָך דייטליכער דערקלערט: מענשען האָבען באַראַבעוועט איינער דעם צווייטען.

אַ צווייטער פסוק זאָגט אונז: ויאמר אלהים לנח: „קץ כל בשר בא לפני, כי מלאה כל הארץ חמס מפניהם". דאָ שטייט שוין בפירוש אַז גאָט וויל מאַכען אַ סוף צו דער וועלט ווייל זי איז פול מיט רויב. און אונזערע חכמים טייטשען דאָס אויס נאָך קלערער, זיי זאָגען אַז דער מבול איז געקומען צוליב רויבעריי. דאָס הייסט, גאָט וואָלט געווען מוחל זיין אויף אַלע מענשליכע זינד און וואָלט ניט געווען געבראַכט דעם מבול. פאַר רויבעריי אָבער האָט ער ניט געוואָלט מוחלזיין און באַשלאָסען צו פאַרניכטען אַזאַ רויבערישע וועלט.

וואָס לערנען מיר פון דעם אַלעס?

אַז ווען איין מענש זינדיגט צום צווייטען איז דאָס ערגער ווי ווען ער זינדיגט צו גאָט. און אויך וועגען דעם האָבען אונזערע חכמים געזאָגט: „עברות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר. עברות שבין אדם לחברו—אין יום הכפורים מכפר." דאָס הייסט, זינד צווישען מענש און גאָט ווערן דורך יום כפור אָפּגעווישט. ווען איינער אָבער זינדיגט צום צווייטען־איז דעם העלפט אפילו ניט יום כפור.

אָט דאָס איז איינער פון די גרונד־פּרינציפּען אויף וועלכען עס שטיצט זיך אונזער תורה, אונזער רעליגיע.

און ווען איך טראַכט זיך אַריין טיפער אין דעם דאָזיגען פרינ־ציפ, זאָג איך צו זיך אַליין:

ווי גליקלאַך איך בין ווען איך ווער היינט אַ קינד צום פאָלק ישראל, דאָס פאָלק וועמען די תורה האָט געגעבען אַ זעלכע פרינ־ציפען.

די הפטרה

ווען מיר האָבען געלייענט די היינטיגע הפטרה האָט מיך טיף פאַראינטערעסירט איין פסוק. דאָס איז ער:

„כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה, וחסדי מאתך לא ימוש, וברית שלומי לא תמוט, אמר מרחמך ה׳.“

האָט איר זיך פאַרטראַכט איבער דעם דאָזיגען געטליכען פסוק? עס ווערט אונז דאָ געגעבען די וואונדערבאַרע הבטחה, אַז מיר אידען וועלען זיין אַ אייביג פאָלק. יאָ. אפילו ווען די גאַנצע נאַטור וועט געענדערט ווערען, בערג וועלען פאַרשוואונדען פון דער וועלט—וועלען מיר אידען בלייבען לעבען און עקזיסטירען.

און אַזוי האָט פאַסירט. גרויסע און מעכטיגע פעלקער זיינען פון דער וועלט פאַרשוואונדען. מעכטיגע מלוכות זיינען אונטער־געגאַנגען. אָבער מיר, אַ שוואַך און קליין פאָלק, זיינען געבליבען לעבען ביז דעם היינטיגען טאָג.

פאַרוואָס?

ווייל גאָט האָט ניט אָפּגעשאַפט דעם בונד וואָס ער האָט געמאַכט מיט אונזערע עלטערען און מיט אונז. ווייל ער האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט אונז צו היטען און צו באַשיצען פון אונטערגאַנג.

און מיט וועלכען כח האָט גאָט אונז באַשענקט צו מאַכען פון אונז אַ פאָלק פון אייביגקייט?

אויף דעם געפינען מיר אַן ענטפער אין דער ברכה וואָס איך האָב געמאַכט ווען איך האָב עולה־לתורה געווען:

„אשר נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכנו.“

אָט מיט דער תורה פון אמת וואָס ער האָט אונז געגעבען האָט ער אין אונז אַיינגעפלאַנצט דעם כח צו לעבען אייביג.

און אָט דער דאָזיגער געדאַנק וועגען דער אייביגקייט פון פאָלק ישראל פילט אָן מיין גאַנצע נשמה און גיט מיר אָט די טיפע שמחה צום אָנפאַנג פון מיין נייעם אידישען לעבען.

לך לך

די סדרה

עס איז אַ צופאַל וואָס מיין בר־מצוה פאַלט אום שבת לך־לך. אָבער דאָס איז פאַר מיר אַ גליקליכער צופאַל, ווייל די גאַנצע סדרה דערציילט אונז וועגן אברהם אבינו, דער ערשטער אידישער פאַטריאַרך אויף דער וועלט. פאַר מיר, אַ אידיש אינגעל, וואָס דאַרף אָנהויבען לעבען אַ פול אידיש לעבען, איז זעהר אָנגענעהם צוזאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגן אברהם אבינו, דער ערשטער איד וואָס האָט געשאַפען אַ אידיש לעבען אויף דער וועלט.

פיר וויכטיגע זאַכען לייענען מיר וועגן אברהם אבינו אין דער דאָזיגער סדרה.

א. אברהם געהט אַוועק פון זיין געבורט־לאַנד, און וואוהין ער קומט פאַרשפּרייט ער דעם געדאַנק פון איין גאָט.

ב. ווען זיינע פּאַסטוכער צוקריגען זיך מיט לוט׳ס פּאַסטוכער, צושיידעט ער זיך מיט לוט׳ן, ווייל אברהם האָט פיינט מחלוקת.

ג. ווען ער דערוויסט זיך אַז שטאַרקע שבטים זיינען באַפאַלען שוואַכערע כדי זיי צופאַרשקלאַפען, און אַז זיין קרוב לוט איז געפאַנגען געוואָרען—יאָגט ער זיך נאָך די שטאַרקע שבטים אום צו ראַטעווען פון זיי די שוואַכערע.

ד. ווען ער געהט אַרויס דער זיגער און מ׳וויל אים געבען מתנות אַנטזאָגט זיך אברהם פון זיי.

אָט פון די דערצעהלונגען זעהן מיר קלאָר דעם כאַראַקטער און מדות פון אברהם אבינו.

אַ לערער פון געטליכקייט; אַ שונא פון קריגערייען; גרייט זיך מקריב זיין פאַר זיינע קרובים און פאַר שוואַכערע; האָט פיינט מתנות וואָס מ׳גיט אים פאַר גוטע מעשים ווייל ער האלט אַז די בעסטע מתנה איז די גוטע טאַט וואָס דער מענש טוט.

די דאָזיגע אייגענשאַפטען פון אברהם אבינו, דער ערשטער איד אויף דער וועלט, זיינען אַריבער בירושה צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער—דאָס פאָלק ישראל.

מיר אידען זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען געלערענט

דער וועלט די אמונה אין איין גאָט; מיר האָבען פון דער נאַטור פיינט קריג און מלחמה; אָבער כאָטש מיר זיינען אַ פאָלק פון שלום, פונדעסטוועגען, ווען שטאַרקערע פעלקער זיינען אַרויס קעגען אונז אָוועקרויבען פון אונז אונזער פרייהייט–האָבען מיר זיך גע־שטעלט און מוטיג געקעמפט קעגען זיי. צו רעטען אונזער כבוד און פרייהייט.

מיר האַלטען אויך ניט פון מתנות פאַר גוטע מעשים. אונזערע חכמים האָבען אונז געלערענט צו דינען גאָט „שלא על מנת לקבל פרס", ניט אום צוקריגען באַצאָלט דערפאַר, און זיי זאָגען ווייטער „שכר מצוה מצוה", די מצוה אַליין, די גוטע האַנדלונג איז אַליין אַ באַלוינונג.

און היינטיגען טאָג, ווען איך שטיי דאָ פאַר אייך, רייסט זיך אַרויס פון מיינע ליפען די דאָזיגע תפלה:

„הלואי זאָל איך באַזיצען דעם כאַראַקטער און די מדות פון אברהם אבינו און פון די בעסטע אייגענשאַפטען פון די קינדער פון אברהם אבינו–דאָס פאָלק ישראל."

די הפטרה

פון דער היינטיגער הפטרה וועלען זיך איינקריצען אין מיין זכרון די פאָלגענדע זאַצען:

„ואתה ישראל עבדי, יעקב אשר בחרתיך. זרע אברהם אוהבי. אשר החזקתיך מקצות הארץ, ומאציליה קראתיך. ואמר לך: עבדי אתה. בחרתיך ולא מאסתיך."

דאָ הערען מיר איינע פון די דערהאָבענסטע ברכות. דאָס איז ניט אַ ברכה צו זיין רייך און באַרימט. ניט צו זיין שטאַרק און מעכטיג. נאָר צו זיין דאָס פאָלק פון גאָט, דאָס אויסדערוויילט פאָלק.

צוליב וואָס האָט אונז גאָט אויסדערוויילט?

ניט נאָר צו לערנען און צו וויסען וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט. אַלע אַלטע פעלקער און באַזונדערס אַלע נייע פעלקער ווייסען דאָס. דאָס איז ניט גענוג. עס איז נויטיגער צו טאָן, צו פראַק־טיצירען לויט דעם וויסען פון גוטס און שלעכטס. ווייל וויסען אַליין, אָן מעשים, זיינען ניט צופיל ווערט. דאַריבער האָט גאָט אויסגעקליבן דאָס אידישע פאָלק ער זאָל זיין אַ פאָלק פון גוטע מעשים, פון

עטישער אויפפיהרונג. און ווען דאָס אידישע פאָלק וועט לעבען אַ שיינעם און ערליכען לעבען וועלען אַלע פעלקער דאָס זעהן מיט זייערע אויגען, און זיך קענען דאָס אָפּלערנען. וואָרום נאָר לעבעדיגע מעשים וואָס מ׳קען זעהן און פיהלען קענען זיין אַ ניצליכער ביישפּיל אָבער ניט בלויז געדאַנקען און וויסען.

אָט דאָס איז דער געדאַנק פון אונזער אויסגעוויילטקייט. און היינטיגען טאָג, ווער איך אַ מיטגליד פון פאָלק ישראל, פון דעם אויסדערוויילטען פאלק.

וועל איך פאַרדינען, וועל איך ווערט זיין טראָגען דעם נאָמען פון אַ אמת׳ן קינד צום אידישען פאָלק?

דאָס איז איצט מיין האַרציגע תפלה:

„זאָל גאָט מיר באַשענקען פון זיין גייסט. זאָל ער אין מיר פאַרשטאַרקען דאָס פאַרשטיין פון זיין תורה און מיר פירען אין איר וועג–דער וועג פון ליכט און לעבען.״

וירא

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה באַקענען מיר זיך מעהר מיט דעם נאָבעלען כאַראַקטער פון אברהם אבינו.

דריי זאַכען לערנען מיר וועגען אים.

די מדה פון הכנסת אורחים.

ווען אברהם האָט דערזעהן דריי געסט האט ער זיי שנעל גע־בראַכט צו זיך און זיי געגעבען עסען און טרינקען.

די צווייטע מדה: טיפער רחמנות צו אַלעס וואָס גאָט האָט באַשאַפען. ווען אברהם האָט דערהערט פון גאָט אַז ער וויל פאַרנ־ניכטען סדום און עמורה, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און גע־בעטען אַ האַרציגע תפלה אַז גאָט זאָל דאָס ניט טאָן.

די דריטע מדה: מסירת נפש פאַר גאָט. אָט דאָס גרויסע גאָלדע־נע האַרץ וואָס איז פול מיט רחמנות צו יעדען מענשען אפילו ווען ער איז פול מיט זינד—אָט דאָס האַרץ איז כמעט ווי פאַרשטיינערט געוואָרען ווען גאָט האָט אים געהייסען פירען זיין געליבטען זון יצחק צו דער עקדה.

איז דאָס טאַקע געווען אַזוי? איז טאַקע פאַרשוואונדען ביי אברהם'ן דער געפיהל פון ליבע און רחמנות צו זיין קינד? ניין. טיף ווי דער ים איז געווען זיין געפיהל פון ליבע צו זיין יצחק'ן. אבער די ליבע צו גאָט ביי אברהם'ן און זיין רצון אים פאָלגען האָבען גובר געווען די ליבע און רחמנות צום אייגענעם קינד, און ער איז געווען גרייט צוטאָן אַזאַ שוידערליכע זאַך.

אויך מיר אידען, קינדער פון אברהם, באַזיצען די זעלבע מדות. מיר האָבען די מדה פון הכנסת אורחים. מיר העלפען שטענ־דיג פרעמדע און אָרימע. מיר האָבען די מדה פון רחמנות. דאָס אידישע האַרץ איז אַ גוט האַרץ, פול מיט מיטלייד צו יעדער לע־בעדיגער באַשעפעניש. און מיר זיינען שטענדיג גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר גאָט און פאַר דער תורה. וואָרום אונזער גאַנצע גע־שיכטע איז אַ גרויסע דראַמע וואָס דערציילט אונז ווי אַזוי אונזער

בלוט האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער, ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט און ניט געקאָנט צו פאַרראַטען אונזער גאָט און אונזער תורה.

און היינטיגען טאָג האָב איך צו גאָט די פאָלגענדע בקשה: ער זאָל מיר בענשען מיט די שיינע מדות פון אברהם און פון דעם פאָלק ישראל, כדי איך זאָל זיין באַרעכטיגט צום גרויסען און הייליגען נאָמען—אַ קינד פון ישראל.

דִי הפטרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה אַז אַ פרוי פון דער שטאָט שונם האָט געבעטען איר מאַן וועגען אלישע הנביא די פאָל־גענדע בקשה: „נעשה נא עלית קיר קטנה ונשים לו שם מטה ושלחן וכסא ומנורה והיה בבואו אלינו יסור שמה."

דאָס הייסט, לאָמיר פאַר אים צוגרייטען אַ קליין צימערעל און דאָרט אַוועקשטעלען אַ בעט און אַ טיש און אַ שטול און אַ לייכטער און ווען ער וועט קומען צו אונז וועט ער דאָרט אַריינקומען.

צוליב וואס האָט זי דאָס געטאָן?

ווייל זי האָט געוואוסט אַז אלישע איז אַ הייליגער געטליכער מאַן, און זי האָט געהאַט פאַר אים דעם גרעסטען כבוד און זיך גע־פיהלט גליקלאַך ווען ער איז איר גאַסט. דאָס איז געווען אַ פּראָס־טע פרוי, אַ פרוי פון דעם פאָלק. מיר ווייסען אפילו ניט איר נאָמען. אָבער זי איז אַ ביישפּיל פאַר אַלע פון אונזער פאָלק וואָס האָבען פון אייביג אָן געהאַט דעם גרעסטען דרך־ארץ פאַר אונזערע גרויסע מענשען, מענשען פון גייסט, און זיינען שטענדיג געווען גרייט באַזאָר־גען זיי מיט אַלעס.

דאָס איז איינע פון די שענסטע אידישע מדות. אַזעלכע מדות האָבען אונז געמאַכט פאַר אַ פאָלק פון גייסט. וואָרום דערמיט וואס דאָס פאָלק האָט אויסגעהאַלטען זיינע געלערענטע און גייסטיגע מענשען, האט ער זיי געגעבען אַ מעגליכקייט צו אַוועקגעבען זייער צייט און געדאַנק צו תורה און חכמה און צו קענען לערנען דאָס פאָלק.

הײנטיגען טאָג װען איך פײער מײן בר־מצוה, קען איך ניט צו־זאָגען אַז איך װעל װערען אײנער פון די גרױסע אידישע געלערטע און פירער. אָבער דאָס יאָ נעם איך אויף זיך: רעספּעקטירען פון טיפען האַרצען אונזערע גײסטיגע און געלערטע און מיט אַלע מעג־ליכקײטען זײ העלפען אַז זײ זאָלען קענען אָנגעהן מיט זײער הײ־ליגער אַרבײט פאַר אונזער פאָלק און אונזער תורה. אַט אַזוי װי אונזער פאָלק האָט דאָס שטענדיג געטאָן.

חיי שרה

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר אַ לאַנגע ערצעהלונג ווי אַזוי אברהם האָט געשיקט זיין קנעכט אליעזר קיין ארם נהרים צו געפינען אַ ווייב פאַר זיין זון יצחק.

פאַרוואָס האָט דאָס אברהם געטאָן? פאַרוואָס האָט ער ניט אויסגעקליבען אַ שנור אין דעם לאַנד כנען, וואו ער האָט געוואוינט?

ווייל ער האָט געוואָלט אַז זיינע קינדער זאָלען זיין אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיגען פאָלק. אָפּגעזונדערט קערפּערליך און גייסטיג, מיט זיינע געדאַנקען און האַנדלונגען. דאָס איז איינע פון אונזערע וויכטיגסטע מצות און ביז דעם היינטיגען טאָג היטען מיר זי זעהר שטאַרק, און דאַריבער זיינען מיר ביז דעם היינטיגען טאָג פאַרבליבען אַ ריין אידיש פאָלק.

ביי דער איצטיגער צייט וואָהנט אַ גרויסער טייל פון דעם אידישען פאָלק אין אַמעריקא. מיר לערנען דאָ די שפּראַך פון לאַנד, אירע געזעצען און מנהגים און מיר פאָלגען זיי אויס. אָבער כל זמן מיר מישען זיך ניט אויס מיט די אַרומיגע פעלקער אין עסען און טרינקען, אין רעליגיעזע ימים טובים און אין פאַמיליען־לעבען —וועלען מיר אויך אין אַמעריקאַ בלייבען אַן אָפּגעזונדערט פאָלק אַזוי ווי מיר זיינען געוועזן ביז היינט. אויב אָבער, מיר וועלען חלילה ברעכען אונזער תורה און וועלען זיך אין אונזער גאַנצען לעבענס־שטייגער אויסמישען מיט די אַרומיגע פעלקער—דאַמאָלס האָבען מיר דאָ קיין צוקונפט ניט. וועלען מיר דאָ פאַרשווינדען אַלס אַ אידיש פאָלק.

און היינטיגען טאָג ווען איך פאַרבינד זיך מיט אונזער תורה און מצוות וועל איך גוט געדיינקען די לעקציע פון דער היינטיגער סדרה.

איך וועל געוויס וויסען גרינדליך די שפּראַך פון לאַנד און לעבען לויט אירע געזעצען אָבער צוגעבונדען וועל איך זיין צום פאָלק ישראל מיט אַלע מיינע האַנדלונגען און מיט מיין גאַנצען גוף און נשמה.

די הפטרה

די היינטיגע הפטרה דערצעהלט אונז אַז אדוניהו בן חגית, איי־נער פון דוד המלך'ס זין, האָט געפּלאַנעוועט צו ווערען קעניג און ער האָט צוגעצויגען צו זיך יואָב'ן דעם הויפּט גענעראַל און נאָך באַרימטע מענער אין דעם קעניגס פּאַלאַץ. אָבער נתן הנביא האָט צושטערט דעם פּלאַן און האָט געווירקט אויף דוד'ן אַז ער זאָל באַלד באַשטימען שלמה'ן אַלס קעניג.

די פראַגע שטעלט זיך דאָ: פאַרוואָס האָט דער נביא געוואָלט אַז שלמה זאָל זיין קעניג?

דער ענטפער איז: די גאַנצע צייט ווען דוד איז געווען קעניג איז געווען אַ צייט פון מלחמות. דוד האָט אָנגעפירט מלחמות מיט די אידישע שונאים, פאַרנומען זייערע לענדער, און דערמיט האָט ער פאַרגרעסערט דאָס אידישע לאַנד און געמאַכט אונזער פאָלק פאַר אַ גרויס און מעכטיג פאָלק.

דער נביא נתן האָט געטראַכט אַז נאָך דוד'ס טויט וועט דאָס אידישע פאָלק ווייטער פאָרטזעצען אָנפירען מלחמות און פאַרנע־מען לענדער, אַזוי ווי ס'האָבען זיך געפירט אַלע פעלקער אַ מאָל און זיי פירען זיך היינט. דער נביא האָט דאָס ניט געוואָלט. דער־פאַר האָט ער באַשלאָסען אַז נאָך דוד'ן זאָל זיצען אויפן קעניגליכען טראָן אַ קעניג וואָס האָט ליב שלום. אַזעלכער איז געווען שלמה. וואָרום פון זיין קינדווייז אָן האָט ער אַרויסגעצייגט זיין האַס צו מלחמה.

פון דער ערצעהלונג זעהען מיר ווי אונזערע נביאים האָבען זיך באַמיהט צו ערציען אונזער פאָלק צו זיין אַ שלום־פאָלק. זייער מיה איז ניט געגאַנגען פאַרלאָרען. וויל פון אַלע אַלטע און נייע פעלקער איז ניטאָ אַזאַ פאָלק וואָס האָט אַזוי פיינט מלחמות ווי דאָס אידישע פאָלק. די דאָזיגע אידישע אייגענשאַפט דאַרף אונז זיין ליב און טייער. און ביי דער היינטיגער צייט, נאָך דער שוי־דערליכער וועלט־מלחמה, הויבען שוין אַלע פעלקער לויבען און ריהמען דעם וועלט שלום.

און היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה און באַמיה זיך צור־באַקומען אַלע שיינע מדות פון דעם אידישען פאָלק, וועל איך באַזונדערס איינפלאַנצען אין זיך די דאָזיגע שיינע מדה—די ליבע צו שלום.

תולדות

די סדרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה וועגן יעקב און עשו. אַז יעקב האָט אָוועקגענומען פון עשו'ן די בכורה און די ברכות. אויפן ערשטען בליק קוקט אויס אַז יעקב האָט דאָס געטאָן ניט אויף קיין ריינעם אופן. ווען מיר באַטראַכטען אָבער דעם ענין אַ ביסעל טיפער געפינען מיר אַז יעקב איז געווען באַרעכטיגט דערצו. עשו איז ניט געווען ווערט ניט צו דער בכורה און ניט צו די ברכות. די בכורה האָט ער פאַראַכטעט. זי האָט פאַר אים קיין ווערט ניט געהאַט. ער האָט זי פאַרקויפט פאַר אַ טאָפּ לינזען. דער־מיט האָט ער אויך באַוויזען אַז ער האָט אַ שוואַכען כאַראַקטער כאָטש קער־פּערליך איז ער געווען זעהר שטאַרק.

ער איז געווען שוואַך און ער האָט ניט געקענט באַהערשען פאַר אַ ווייל דעם הונגער. און אונזערע חכמים זאָגען: „איזהו גבור הכובש את יצרו" ווער איז אַ העלד? דער וואָס קען זיך באַהערשען.

און ווי באַלד ער איז ניט געווען ווערט די בכורה האָט ער אויך ניט פאַרדינט די ברכות. וואָרום ווען אַ מענש אָן כאַראַקטער קריגט ברכות ווערען זיי פאַרוואַנדעלט אין קללות, סיי פאַר אים, סיי פאַר אַנדערע. באַזונדערס — פאַר אַנדערע.

יעקב האָט אָבער פאַרמאָגט אַ שטאַרקען כאַראַקטער און איז אויך געווען קלוג. ער האָט פאַרמאָגט אַ שכל. אַ געדולד. דאָס האָט ער באַוויזען ווען ער האָט געאַרבייט פאַר לבן'ן צוואַנציג יאָר און האָט אָנגעזאַמעלט אַ פאַרמעגען מיט זיין שכל און פלייסיגקייט.

די דאָזיגע אייגענשאַפטען האָט יעקב איבערגעגעבען צו זיינע קינדער, צום פאָלק ישראל. אונזער פאָלק איז שטאַרק אין כאַראַק־טער, קלוג און געדולדיג. דורך די דאָזיגע אייגענשאַפטען האָט ער געקענט איבערקומען אַלע זיינע צרות, און ווען ער ווערט פון זיי באַרוהיגט איז ער ערפאָלגרייך אין וויסענשאַפט, אין מסחר און אין אַרבייט.

און ביי דעם איצטיגען מאָמענט האָב איך אַ בקשה צו גאָט: שענק מיר גאָט, אָט די אייגנשאַפטען: שכל, פאַרשטאַנד און אַ שטאַרקען כאַראַקטער. כדי איך זאָל באמת פאַרדינען דעם נאָמען אַלס אַ קינד פון פאָלק ישראל.״

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה לייענען מיר די פאָלגענדע פסוקים: „בן יכבד אב ועבד אדוניו. ואם אב אני—איה כבודי? ואם אדונים אני—איה מוראי? אמר ה׳ צבאות לכם: הכהנים בוזי שמי. ואמרתם: במה בזינו את שמך? מגישים על מזבחי לחם מגאל. ואמרתם: במה גאלנוך?—באמרכם: שלחן ה׳ נבזה הוא״.

דער נביא מלאכי דריקט דאָ אויס זיין דערביטערונג און כעס אויפן פאָלק און די כהנים וואָס גיבען ניט אָפּ קיין כבוד גאָט און דעם בית המקדש. און וואָלטען מיר ביי דער איצטיגער צייט געהאַט אַ נביא צווישען אונז וואָלט ער אויך געשריען מיט ביטערניש און צאָרן אויף די יעניגע אידען וואָס זיינען מבזה אַלעס וואָס איז אידיש און האָבען אַ שקלאַפּישען דרך ארץ פאַר אַלעס וואָס איז ניט איד־דיש.

איך בין אַ בר־מצוה אינגעל וואָס ווייס זעהר ווייניג פון אונזער תורה, און איך קען בכלל ניט זיין זיכער אויב איך וועל אָבהיטען אונזערע מצות מיט אַלע ברעקעלאַך. איך וועל זיך באַמיהען דאָס טאָן. אָבער איין הייליגען געפיהל פיהל איך שוין ביי מיר אין האַר־צען. דאָס איז דער געפיהל פון כבוד צו אונזער תורה, צו אונזער פאָלק און צו אַלעס וואָס ביי אונז אידען איז הייליג און טייער. און ניט נאָר דאָס, איך פיהל אַז איך וועל מיט אַלע מיינע כחות פאַר־טיידיגען אונזער כבוד, ווייל איך ווייס, אַז אַ פערזאָן וואָס ליבט ניט און שעצט ניט זיין פאָלק האָט אַ שקלאַפּישע נשמה און פאַרדינט טיפע פאַראַכטונג.

און היינטיגען טאָג וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר מיר וועט זיך אין מיין נשמה איינקריצען די פאָדערונג פון אונזער נביא: ליב האָבען גאָט און שעצען אים. ליב האָבען אידישקייט און שעצען דאָס. און די דאָזיגע ליבע און כבוד וועלען מיך שוין לערנען ווי צו מקיים זיין אונזער תורה, די תורה פון ליכט און אמת און אַ פאָלקאָמענער שיינער לעבען.

ויצא

די סדרה

מיר האָבען היינט געלייענט וועגען דעם וואונדערבאַרען חלום פון יעקב אבינו. אין דעם דאָזיגען חלום הערען מיר צוויי הבטחות פון גאָט ברוך הוא. איין הבטחה איז: „והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך." איך בין מיט דיר און וועל דיך היטען וואוהין דו וועסט געהן. די צווייטע הבטחה איז:—„והשיבותיך אל האדמה הזאת" איך וועל דיר ברייגגען צוריק צו דער דאָזיגער ערד.

די דאָזיגע הבטחות וואָס זיינען מקוים געוואָרען ביי יעקב אבינו זיינען אויך געגעבען געוואָרען אונז, יעקב'ס קינדער, און זיינען אויך מקויים געוואָרען. פונקט ווי יעקב אבינו זיינען מיר געווען געצוואונ־גען אַוועקגעהן פון אונזער געבורטס־לאַנד און וואַנדערן צווישען פרעמדע פעלקער. אויך מיר האָבען דורכגעמאַכט פילע ליידען און געפאַרען וואָס האָבען אונז כמעט אומגעבראַכט פון דער וועלט. אָבער גאָט ברוך הוא האָט אונז קיינמאָל ניט פאַרלאָזט און אונז באַשיצט ביז דעם היינטיגען טאָג.

און אַזוי ווי יעקב אבינו האָט זיך ענדליך צוריקגעקערט צו זיין געבורטס־לאַנד, אַזוי קערען מיר זיך צוריק צו אונזער פאָטער־לאַנד, ארץ ישראל, און ווערן אַ גרויס פריי פאָלק. ס'האַלט איצט ביים אָנפאַנג. אָבער אונזער באַפרייאונג וועט זיך ערשט זעהן שפּע־טער.

און איך אַ בר־מצוה יונגעל, ווען איך נעם אויף זיך מקיים זיין אונזערע מצוות, וועל איך באַזונדערס היטען די גרויסע הייליגע מצוה פון בנין ארץ ישראל. מיט אַלע מיינע כחות וועל איך מיך באַטייליגען אין דער דאָזיגער הייליגער אַרבייט ביז מיר וועלען זוכה זיין צו דערלעבען די פאָלשטענדיגע באַפרייאונג פון אונזער פאָלק ישראל.

נאך וועגען דער סדרה

געלייענט האָבען מיר אין דער הייליגער סדרה אַז יעקב אבינו האָט אַ נדר געטאָן. אַז אויב גאָט וועט אים געבען ברויט צו עסען

און אַ מלבוש צו אָנטאָן, וועט גאָט זיין זיין גאָט און וועט אים אָוועק־געבען אַ צענטעל פון אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט.
לערנען מיר דערפון צוויי זאַכען.

איינס. יעקב אבינו האָט געבעטען ביי גאָט ניט רייכטום און כבוד, נאָר ברויט און אַ מלבוש. דאָס וואָס איז נויטיג פאַר זיין קערפערליכען עקזיסטענץ און געזונד. פון דעם לערנען מיר אַז אונזערע אבות האָבען ניט געשטרעבט צו רייכטום און גלאַנץ. זיי האָבען געוואוסט אַז רייכטום, כאָטש עס גיט אַ געוויסען פאַרגעניגען דעם גוף, פירט דאָס אָבער מערסטען צו קנאה און שנאה און פאַר־שאַפט דאגות און רויבט אָוועק די רוהיגקייט פון דער נשמה, און שאַדעט אויך אָפטמאָל דעם געזונד פון דעם גוף. נאָר אפילו ווען עס איז דאָ אַ חשק צו רייכטום און אויך אַ מעגליכקייט דאָס צו־דערגרייכען, דאַרף דאָס רייכטום קומען דורך ערליכער, כשר'ער אַרבייט, פונקט ווי יעקב אבינו האָט דאָס געקראָגען דורך זיין אַר־בייט אין אַ משך פון צוואַנציג יאָהר.

די צווייטע זאַך וואָס מיר לערנען פון יעקב'ן: שטיצען דעם צווייטען פון אייגענער מיה און פאַרמעגען. אפילו ווען דאָס פאַר־מעגען איז קליין און וױנציג. אַ פשיטא שוין ווען עס איז גרויס און פול.

און באמת ווייסען מיר אַז קיין פאָלק טוט ניט אַזוי פיל צדקה ווי אונזער פאָלק, און די דאָזיגע מדה האָט ער גע'ירשעט פון אונ־זערע אבות, אברהם יצחק ויעקב.

איך ווייס ניט אויב די דאָזיגע שיינע מדה איז שוין איינגעפלאַנצט ביי מיר אין דער נשמה. ווען איך שטעה אָבער דעם איצטיגען מאָ־מענט פאַר אייך און טראַכט וועגען יעקב אבינו, האָב איך אַ גרויסען חשק אַז די דאָזיגע מדה פון טאָן גוטס צום צווייטען, זאָל אין מיר איינגעפלאַנצט ווערען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שיינע אידישע מדות.

וישלח

די סדרה

די היינטיגע סדרה דערצעהלט אונז, אַז ווען יעקב האָט זיך דערוואוסט אַז עשו קומט מלחמה האַלטען מיט אים האָט ער זיך פאַרבאַרייטעט מיט דריי זאַכען: מיט מתּנות, מיט אַ תּפלה, און מיט מלחמה. און מיר ווייסען, אַז פילעס וואָס האָט פּאַסירט מיט אונזערע אבות האָט פּאַסירט מיט דעם גאַנצען פאָלק ישראל זינט ער איז געוואָרען אַ פאָלק.

ווען מיר האָבען געוואַנדערט אין די גלות לענדער זיינען קעגען אונז אויפגעשטאַנען פילע פעלקער, פילע עשו'ס, און אונז געוואָלט פאַרניכטען. האָבען מיר זיך אויך צוגעגרייט פאַר זיי מיט מתּנות, תּפלות און מלחמות, מיר האָבען אָפּגעשאָטען די קעניגס און די פריצים מיט געלד, כדי צו שטילען זייער כעס, אָדער זיי זאָלען אונז באַשיצען פון די ווילדע און אכזריותדיגע פאָלקס־מאַסען. מיר האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין אונזערע שולען און מתפּלל געווען צו גאָט אַז ער זאָל אונז באַשיצען פון אונזערע געפערליכע שונאים. מיר האָבען אויך מלחמה געפירט. ווען מיר האָבען געוואוינט אויף אונזער לאַנד האָבען מיר באַגעגענט אונזערע שונאים מיט שווערדען און שפּיזען. ווען אָבער מיר זיינען געוואָרען אַ גלות־פאָלק האָבען מיר קעגען זיי געקעמפט מיט אונזערע נשמות. דאָס הייסט מיר האָבען זיך מוסר־נפש געווען. דער שונא האָט פון אונז געפאָדערט אַז מיר זאָלען אים פאַרקויפען אונזער נשמה, דאָס הייסט פאַרראַטען אונזער גאָט און אונזער תּורה, מיר האָבען אָבער אים ניט געפאָלגט און אָוועקגעגעבען אונזער נשמה צו גאָט.

דאָס לערנען מיר פון היינטיגער סדרה און עס פירט אונז אַרויף צו דעם דאָזיגען געדאַנק: אויפבויען צוריק אונזער לאַנד און ווערען דאָרט אַ פריי און שטאַרק פאָלק. און דאָרט וועלען מיר אויך זיין צוגעגרייט מיט די דריי זאַכען. מתּנות–פאַר אונז אַליין. דאָס זיינען אַנשטאַלטען פאַר תורה און תפלה. אַנשטאַלטען פאַר חכמה און וויסענשאַפט און געזונד און פאַרגעניגען. תּפלה–פאַר

אונז. אַז גאָט זאָל אונז מאַכען ערפאָלגרייך אין אַלעס וואָס מיר טוען און תפלות פון דאַנקבאַרקייט פאַר דאָס גוטס וואָס ער טוט אונז. און מלחמות–ניט צו פאַרניכטען, ניט וואָס פירען צום טויט. נאָר וואָס ברייגנען לעבען. דאָס זיינען מלחמות קעגען אָרימקייט און קראַנקהייט, מלחמות קעגען די כחות פון דער נאַטור אום זיי צואויסנוצען פאַר אונזער גליק און פאַרגעניגען.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה דעם פאָלגענדען פסוק:

ואתה באלהיך תשוב. חסד ומשפט שמר. וקוה אל אלהיך תמיד.״ קער זיך צוריק צו דיין גאָט. היט אָפּ צוטאָן גוטס און גע־רעכטיגקייט. און האָף שטענדיג צו דיין גאָט.

דריי גרויסע געדאַנקען דריקט דאָ אויס דער נביא. ערשטענס, דער געדאַנק פון תשובה. גאָט ווייסט אַז דער מענש איז פון דער נאַטור שוואַך און איז גענייגט צו זינדיגען. האָט ער פאַר אים געגעבען דעם וועג פון תשובה: שטאַרק זיך. הער אויף זינדיגען און גאָט וועט דיר מוחל זיין. צווייטענס: חסד–דאָס הייסט אַ גוטע האַנדלונג וואָס קומט פון רחמנות געפיהל. ווי צום ביישפיל, ווען מיר שטיצען דעם אָרימאַן, דער אלמנה און דעם יתום. מיר ערוואַרטען פון זיי ניט קיין באַלוינונג. מיר טוען זיי גוטס ווייל מיר האָבען רחמנות אויף זיי. משפט–גערעכטיגקייט איז אַ האַנדלונג פון געזעץ, פון רעכט. מיר טאָרען ניט טאָן קיין שלעכטס צו אַ צווייטען, ווייל מיר ווילען ניט אַז ער זאָל אונז טאָן שלעכטס. אָדער מיר טוען אים אַ טובה ווייל מיר ערוואַרטען פון אים דאָס זעלבע.

האָפנונג צו גאָט. דאָס מיינט, אין דער ערגסטער צייט זיך ניט פאַרלירען, ניט פאַרצווייפעלט ווערען. ווי אונזערע חכמים זאָגען: אפילו ווען עס ליגט שוין אויף דיין האַלז די שאַרפע שווערד–זיי ניט פאַרצווייפעלט און האָף צו גאָט׳ס רחמנות.

די דאָזיגע געדאַנקען וועלען טיף איינגעקריצט ווערען אין מיין זכרון. און מיין בקשה איז:

– זאָל גאָט שטאַרקען מיין כאַראַקטער, אַז איך זאָל קיין מאָל ניט זינדיגען און ניט דאַרפען תשובה טאָן. זאָל גאָט אַיינפלאַנצען אין מיין האַרצען דעם שטאַרקען חשק צו טאָן שטענדיג חסד און גערעכטיגקייט. זאָל גאָט באַשאַפען און דערהאַלטען אין מיר דעם גייסט פון האָפנונג און בטחון, אַז אפילו אין די ערגסטע שטונדען זאָל איך זיין פריילאַך און זיכער אַז די שלעכטע צייט וועט פאַר־שווינדען.

אָט דאָס איז מיין תפלה אין דעם טאָג פון מיין בר־מצוה.

וישב

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה הויבען זיך אָן די דערצעהלונגען וועגען יוסף און זיינע ברידער. דאָס זיינען פּרעכטיגע און וואונדער־באַרע ערצעהלונגען. וויפיל איך זאָל זיי לייענען און הערען, וועט מיין פאַרגעניגען פון זיי ניט פאַרקלענערט ווערען. איצט אָבער, ביי מיין בר־מצוה, וועל איך זיך אָבשטעלען אויף איין זאַך וואָס איז פאַר מיר איצט וויכטיג.

יוסף איז פאַרקויפט געוואָרען קיין מצרים אַלס אַ קנעכט און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך אין דער פרעמדער לאַנד דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה. ער איז דאָרט געוואָרען דער שני־למלך.

מיט וואָס האָט ער זיך דערשלאָגען צו אַזאַ שטופע?

מיט זיין חכמה און פלייסיגקייט.

אָט אַזוי איז מיט דעם גאַנצען פאָלק ישראל. אין יעדען לאַנד קומען מיר אַריין געיאָגט און געפּלאָגט און פאַראָרימט. עס געהט אַוועק אַ קורצע צייט און מיר דערגרייכען, דורך אונזער קלוג־שאַפט און פלייסיגקייט, די העכסטע מדרגה פון רייכקייט און כבוד. מיר ווערען אַליין רייך, אָבער נאָכמער באַלעבען מיר און באַריי־כערען מיר דאָס לאַנד וואָס מיר באַזעצען זיך. אין די פינסטערע צייטען פון דעם מיטעלאַלטער האָט מען דאָס אונז ניט אַנערקענט. ווי נאָר מיר האָבען אויפגעלעבט דאָס לאַנד האָט מען אונז אָנגע־הויבען רודפ'ן און דערנאָך אונז אין גאַנצען אַרויסגעטריבען. אָן אויסנאַם איז אַמעריקאַ. דאָ אין לאַנד האָבען מיר געפונען פאָל־שטענדיגע רוהע, און די בעסטע פון אַמעריקאַנער פאָלק אַנערקענען די נוצען וואָס מיר ברענגען. און דערפאַר האָבען מיר אַזוי ליב אַמעריקאַ.

איז אָבער אַ צרה. אנדערע געהן אַוועק מיט זייער אַמעריקאַ־ניזם צו וועיט. זיי געהן אַוועק פון אונזער תורה, פון אונזער לשון און ברעכען אַלע אידישע געזעצען. זיי מיינען אַז דאָס איז דער עכטער אַמעריקאַניזם.

ווען איך ווער היינט בר־מצוה, וועל איך גוט אין זין האָבען דעם דאָזיגען געדאַנק: איך וועל קענען גוט די שפּראַך פון לאַנד, אירע געזעצען און אַנשטאַלטען און זיי ליב האָבען. אָבער קיין מאָל וועט אין מיר ניט אָבגעשוואַכט ווערען די ליבע צו אונזער תורה, צו אונזער פאָלק און צו אַלעס וואָס איז ביי אים ליב און טייער. און שטענדיג וועל איך מקיים זיין דאָס וואָס איז הייליג אונזער פאָלק ישראל.

די הפטרה

מיר לייענען היינט אין אונזער נביא אַ וואונדערבאַרען פסוק: „רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה, על כן אפקד עליכם את כל עונותיכם."

נאָר אַייך קען איך פון אַלע משפחות פון דער וועלט. דאַריבער וועל איך אַייך באַשטראָפען פאַר אַייערע זינד.

דער דאָזיגער פסוק גיט אונז אַן ענטפער אויף איין גרויסע פראַגע: פאַרוואָס זיינען מיר אַנדערש פון אַלע פעלקער? פאַרוואָס האָט גאָט אויף אונז אָנגעשיקט מעהר צרות און ליידען ווי אויף די אַנדערע פעלקער? זיינען מיר טאַקע זינדיגער פון זיי?

און דאָ גיט אונז דער נביא דעם ענטפער: ניט דערפאַר ווייל מיר זיינען זינדיגער פון אַלע פעלקער, נאָר ווייל גאָט האָט אונז אַנערקענט און אונז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער. און אַזוי ווי אַ פאָטער שטראָפט נאָר זיין אייגען קינד און ניט קיין אַנדערע, אַזוי שטראָפט אונז גאָט. און די יסורים וואָס גאָט שיקט אויף אונז —זיי האָבען אונז געמאַכט און מאַכען אונז פאַר אַ גרויס פאָלק, צו מיר ווילען צו מיר ווילען ניט. וואָרום בלויז דורך יסורים און גרויסע שוועריגקייטען אין לעבען פאַרטיפערט זיך די מענשליכע חכמה און בלויז דורך זיי, ווערט זיין כאַראַקטער אי געשטאַרקט, אי געלייטערט.

וויסען מיר דאָך—אַז די פעלקער וואָס האָבען געלעבט אין לענדער וואו זיי האָבען ניט געהאַט קיינע שוועריגקייטען צו קריגען אַלעס וואָס איז זיי נויטיג—זיינען פאַרבליבען ווילד און אונטערשטעדיג. נאָר די פעלקער וואָס האָבען געהאַט אַ שווערען לעבענס־קאַמפף זיינען אַרויף אויף דער שפּיץ פון דעם לייטער פון קולטור און ציוויליזאַציע.

און מיר אידען וואָס האָבען דורכגעמאַכט דעם ביטערסטען לעבענס־קאַמפף זיינען געהייליגט און געלייטערט געוואָרען דורך דעם. דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאָראַל און קולטור. איצטיגע צייטען ליידען מיר שוין מעהר ניט אַזוי פיל ווי אונזערע עלטערען האָבען געליטען, ווייל דער כוס פון אונזערע צרות איז שוין פאַרפילט. און מיר גרייטען זיך ערשט אָנפאַנגען אַ ניי לעבען אין ארץ ישראל. אַ לעבען פון פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.
אָט די דאָזיגע געדאַנקען לעבען אין מיר היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה און זיי פאַרשטאַרקען אין מיר די שמחה ווען איך פאַרבינד זיך מיט דעם אידישען פאָלק. דעם פאָלק וואָס גאָט ברוך הוא האָט אויסגעקליבען.

מקץ

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר וועגען יוסף'ס גרויס־קייט, ווי פון אַ קנעכט און אַ געפאַנגענער איז ער געוואָרען אַ שני למלך.

האָט יוסף פאַרגעסען אין דער פרעמדער לאַנד וואו ער איז גרויס געוואָרען זיין געבורטס־לאַנד, זיין תורה, זיין אַלטען פאָטער און זיין לעבען פון דער יוגענד?

ניין. נאָך זייענדיג אין תפיסה האָט ער אַלעמען מודיע געווען אַז ער איז אַ אידיש קינד, און ווען דער שר־המשקים האָט וועגען אים געמעלדעט צום קעניג, האָט ער אים גערופען „נער עברי", אַ יונג אַ עברי. און ווען ער האָט געדאַרפט פותר־חלום זיין פרעה'ן האָט ער זיך ניט באַרימט מיט זיין אייגענער חכמה, נאָר געזאָגט: גאָט וועט מיר לאָזען וויסען וואָס צוזאָגען. און זיינע צוויי קינדער מנשה און אפרים וואָס זיינען געבוירען און ערצויגען געוואָרען אין מצרים, האָט ער ערצויגען אין אידישען גייסט. אַזוי, אַז ווען יעקב האָט זיי געבענטשט האָט ער זיי פאַררעכענט פאַר צוויי אידישע שבטים.

יוסף אין מצרים רופט ביי אונז אַרויס כבוד און וואונדער. און קען דינען אַלס דער בעסטער ביישפיל פאַר אונז אידען אין אמע־ריקאַ. וואָרום דער וואָס בלייבט אין זיין געבורטס־לאַנד, צווישען זיינע אייגענע, איז קיין וואונדער ניט, ווען ער בלייבט געטריי דאָס היימישע לעבען. אָבער דער וואָס געהט אַוועק אין אַ פרעמד לאַנד, לערנט די נייע שפּראַך און די נייע מנהגים און ווערט נאָך גרויס און מעכטיג—דאָך בלייבט ער געטריי זיין גאָט און פאָלק—דער פאַר־דינט באמת כבוד און לויב.

פון היינטיגען טאָג אָן און ווייטער וועט יוסף הצדיק שטעהן פאַר מיר אַלס וועגווייזער. איך וועל אַנער קענען און ליבען אַלעס וואָס אַמעריקאַ וועט פאָדערען פון מיר. אָבער אין מיין גייסט וועל איך בלייבען אַ איד, און מיט אַלע מיינע כחות וועל איך זיך באַטיי־ליגען אין אַלעס וואָס העלפט צו אויפהויבען דעם כבוד פון אונזער תורה און אונזער פאָלק.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער הײנטיגער הפטרה די מעשה װעגען די צװײ פרויען װאָס האָבען זיך גע׳משפט פאַר שלמה המלך. דערציילט אונז דער פסוק אַז נאָכדעם װי דער מלך האָט אַרויסגעגעבען זיין פסק־דין האָט דאָס פאָלק זעהר מורא געהאַט פאַר אים.

װאָס איז דאָס פאַר אַ מורא?—ניט קיין מורא, ניט קיין שרעק איז דאָס געװען נאָר דאָס װאָס מ׳רופט „יראת־הכבוד", פאַרגעטערונג. דאָס פאָלק האָט דערפיהלט אַ טיפען יראת הכבוד פאַר זיין קלוגען קעניג.

און פון דאַמאָלס אָן ביז היינט פאַרגעטערט דאָס אידישע פאָלק זיינע גדולים, זיינע גרויסע לייט. גרויס ניט אין זייער פיזישער גבורה און אין פירען מלחמות, נאָר גרויס אין תורה און אין חכמה.

יאָ. עס קומען אַמאָל צייטען װען דער כבוד פון תורה האַלט אין איין פאַלן. מ׳זאָגט, למשל, אַז דאָ אין אַמעריקאַ איז געפאַלען דער כבוד התורה, אַז די גרויסע פאָלקס־מאַסען האָבען מעהר קיין דרך־ארץ ניט פאַר די גדולי־התורה. אַזאַ צושטאַנד געדויערט אָבער ניט לאַנג. עס גיט פלוצלונג אַ בלאָז אַ ניי װינטעל און דאָס פאָלק הויבט װידער אָן שעצען זיין תורה און אירע טרעגער. עס גרינדען זיך אַנשטאַלטען פאַר תורה און חכמה און ס׳הויבט זיך אויף דער כבוד פון אידישע געלערטע. אָט דאָס זעהן מיר אין אַמעריקאַ די לעצטע צייט.

איך אַלס אידיש אינגעל האָב װייניג געלערענט אונזער תורה. אָבער פון דעם ביסעל װאָס איך האָב געלערענט װייס איך שוין װי גרויס איז אונזער תורה און װי טיף איז אונזער חכמה. איך האָב דאַריבער דעם חשק פאָרטזועטצען מיינע אידישע למודים. נאָר אויב אפילו מיר װעט דאָס ניט געלינגען, װעט אָבער ביי מיר ליגען דער יראת־הכבוד פאַר אונזער תורה און דאָס װעט מיר שטאַרק צובינדען צו די הויכע אידעאַלען פון אונזער תורה און צו אַלע אונזערע הייליגע מצות.

דאָס לערן איך פון דער הײנטיגער הפטרה.

ויגש

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר אַז יעקב אבינו האָט זיך זעהר געשראָקען ווען ער האָט זיך געלאָזט געהן קיין מצרים. אָבער גאָט ברוך הוא האָט אים באַרוהיגט און געזאָגט:

„אנכי אלהי אביך. אל תירא מרדה מצרימה, כי לגוי גדול אשימך שם. אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה ויוסף ישית ידו על עיניך."

דריי הבטחות געפינען מיר דאָ.

די ערשטע הבטחה איז, אַז יעקב׳ס קינדער וועלען ווערען אַ גרויס און שטאַרק פאָלק אפילו אין דער פרעמדער לאַנד און אין די שלעכטע גלות באַדינגונגען. זיי וועלען זיין געזונט אין קערפּער און געטרייע אידען אין גייסט.

די צווייטע הבטחה איז, אַז גאָט וועט זיי היטען, וועט זיי באַשי־צען פון אַלדאָס בייז און וועט זיי ברייגנען צוריק צו זייער פאָטער־לאַנד.

די דריטע הבטחה איז, אַז יוסף, כאָטש ער איז געוואָרען דער הערשער פון מצרים, וועט שטעהן ביי יעקב׳ס בעט ווען ער וועט האַלטען ביים שטאַרבען, וועט קריגען יעקב׳ס ברכה און וועט איבערגעבען זיינע קינדער און קינדס־קינדער דעם גייסט פון יעקב אבינו.

אַלע הבטחות זיינען ביי אונז מקויים געוואָרען.

ווען מיר זיינען געווען אין גלות מצרים האָט אונז דאָרט גאָט געהיט און אונז פון דאָרט אויסגעלייזט. אין גלות בבל איז אויך געווען דאָס זעלבע. אין דעם איצטיגען גלות וואָס הייסט „גלות אדום", דער לענג־סטער גלות, האָט אונז ווייטער גאָט באַשיצט פון אונטערגאַנג, און איצט שטעהען מיר אויף דער שוועל פון אונזער גאולה. ווייל אונזער לאַנד, ארץ ישראל, האַלט אין איין געבויט ווערען און באַנייט ווערען.

די דריטע הבטחה ווערט אויך מקויים. אידען וואָס האָבען זיך געשעמט מיט זייער אידישקייט קומען צוריק און גיבען איבער אונזער גייסטיג ירושה—די תורה, צו זייערע קינדער. דערמיט פאַר־

זיכערען זיי די עקזיסטענץ פון אידישקייט אויך אין דעם דאָזיגען לאַנד.

ביי דער ליכט פון די דאָזיגע הבטחות, פאַרצייכען איך מיין נייען לעבענס־וועג וואָס הויבט זיך אָן ביי מיר היינט אין מיין בר־מצוה טאָג.

די הפטרה

צוויי פסוקים פון דער היינטיגער הפטרה לאָזען אויף מיר אי־בער אַ טיפען איינדרוק. דאָס זיינען זיי:

„וכרתי להם ברית שלום, ברית עולם יהיה אותם. ונתתים והרביתי אותם. ונתתי את מקדשי בתוכם לעולם. והיה משכני עליהם והייתי להם לאלהים, והמה יהיו לי לעם."

די דאָזיגע פסוקים זאָגען אונז, אַז דער בונד וואָס גאָט האָט מיט אונז געשלאָסען איז אָן אייביגער. אַז אייביג וועט גאָט זיין אונזער גאָט און מיר וועלען זיין זיין פאָלק.

הייליג און געטליך איז די דאָזיגע הבטחה, ווייל עס מאַכט זיך אַ מאָל אַז עס גנב'עט זיך אין אונז אַריין אַ ביטערער געדאַנק, אַז גאָט האָט אָפּגעבראָכען זיין בונד מיט אונז. דער געדאַנק קומט, ווען עס פאַרמערען זיך די צרות פון אונזער פאָלק, ווען שלעכטע פעלקער האַלטען אונז אין איין רודפ'ען, אָדער ווען מיר זעהען ווי פילע אידען געהען אַוועק פון זייער תורה און פאָלק און מישן זיך אויס מיט אַנדערע פעלקער.

ווען אָבער מיר דערמאָנען זיך אין דער דאָזיגער הבטחה, ווערט שטאַרקער ביי אונז דער גלויבען, אַז דער בונד וואָס גאָט האָט מיט אונז געמאַכט איז אַ אייביגער. און אויב אונז וואונדערט פאַרוואָס ער שטראָפט אונז—דאַרפען מיר זאָגען, אַז פאַרבאָרגען זיינען פון אונז די וועגען פון גאָט, פונקט ווי פאַרבאָרגען פון אונז זיינען די אַלע וואונדער פון דער גרויסער נאַטור.

און היינטיגען טאָג שליס איך אַ בונד מיט דעם פאָלק־ישראל. דורך דעם פאַרפליכט איך זיך צוהאַלטען טייער דעם בונד וואָס גאָט האָט מיט אונז אָפּגעמאַכט. וואָס איז דער בונד?

די תורה און די מצוות. אָפּהיטען די תורה און מצוות. דאָס איז דער הויפּט תנאי צו זיין געטריי צו גאָט און צו אונזער פאָלק.

ויחי

די סדרה

מיר לייענען ביים ענדע פון דער היינטיגער סדרה דאָס פאָל-גענדע:

ויאמר יוסף אל אחיו: אנכי מת ואלהים פקד יפקד אתכם והעלה אתכם מן הארץ הזאת אל הארץ אשר נשבע לאברהם ליצחק וליעקב."

דאָס מיינט: יוסף האָט געוואוסט אַז נאָך זיין טויט וועלען זיך אָנהויבען די גרויסע ליידען פון גלות מצרים. אַז עס וועט ניט זיין ווער זאָל זיך איינשטעלען פאַר די בני ישראל ווען זיי וועלען פאַר-פאָלגט ווערען. דערפאַר האָט ער געטרייסט און ערמוטיגט זיינע ברידער און זיי געזאָגט: אמת טאַקע, איך שטאַרב, אָבער גאָט לעבט צווישען אייך און ער וועט אויף אייך גוט אַכטונג געבען און אייך אין זין האָבען, ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט, און אייך ברייגען צוריק אין אונזער געבורטס-לאַנד.

אַזעלכע טרייסט ווערטער האָבען געקרעפטיגט און געמוטיגט אונזערע עלטערען אין מצרים, און אַזעלכע ווערטער האָבען אונז געגעבען קראַפט און מוט אין אַנדערע גלות-לענדער. און ווער ווייסט, צי וואָלט אונזער פאָלק געקענט איבערטראָגען זיינע צרות, צי וואָלט ער ניט פאַרלאָרען זיין אייזערנע געדולד, ווען ניט זיין גרויסער בטחון אַז ער וועט אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

אָבער ביז אַהער האָבען מיר זיך באַנוגענט מיט האָפנונג און בטחון. איצט אָבער, טוען מיר אויך די נויטיגע אַרבייט. אין יעדער לאַנד וואו עס געפינען זיך אידען, זיינען די בעסטע פון אונזער פאָלק באַשעפטיגט אין דער אַרבייט פון אויפבויען ארץ ישראל.

און אין מיין היינטיגען בר־מצוה טאָג ווען איך פאַרפליכטע זיך צו מקיים זיין אונזערע מצות אין אַלגעמיין, נעם איך אויף זיך באַזונדערס די מצוה צו באַטייליגען זיך אין דער הייליגער אַרבייט פון בנין ארץ ישראל.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה די צואה וואָס דוד המלך האָט איבערגעלאָזט זיין זון שלמה און מיר געפינען דאָרט דעם פסוק:

„אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש."

דאָס וואָרט „וחזקת", שטאַרק זיך, רופט אין מיר אַרויס די דאָזיגע געדאַנקען:

דוד המלך האָט איבערגעלאָזט פאַר שלמה'ן אַ גרויסע און מעכטיגע אידישע מלוכה. ווייל דוד האָט אַלע זיינע יאָרען געפיהרט מלחמות און האָט אומעטום געזיגט. האָט ער געוואוסט אַז שלמה וועט שוין לעבען אַ פרידלעך לעבען, אַ לעבען פון רוה, פון רייכ־טום און גלאַנץ. דוד האָט אויך געוואוסט אַז שלמה וועט שליסען בונדען און פריינדשאַפט מיט אַנדערע מלוכות און פעלקער.

און דאָס איז שוין די נאַטור פון דעם איינצעלנעם מענשען און פון אַ פאָלק, אַז ווען ער לעבט אַ לעבען פון רייכטום און פרידען אַז ער זאָל זיך אַריינלאָזען אין אַ סך פאַרגעניגענס. דאָס פירט אָפט צו זינד און צו פאַרדאָרבענהייט.

און אָט דאָס האָט דוד געמיינט מיט דעם וואָרט „וחזקת". דו, מיין זון, זאָגט דוד צו שלמה, זיי שטאַרק אין גייסט און אין כאַראַק־טער, כדי דו זאָלסט בלייבען אַ ערליכער אידישער קעניג. דו מוזט אָנשטרענגען אַלע דיינע כחות צו גיין אין דעם וועג פון אונזער תורה ווען דו וועסט זיך באַפריינדען מיט די געצענדינערשע פעלקער און קעניגס.

אין היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה, וועט זיך ביי מיר אַיינקריצען דאָס וואָרט „וחזקת." צו זיין שטאַרק אין מיין אידישען גייסט און כאַראַקטער. ניט נאָר טראַכטען וועגען קערפערליכע פאַרגעניגענס, נאָר אויך אין זין האָבען מיין אידישע און מענשליכע נשמה.

שמות

די סדרה

מיר האָבען אין דער היינטיגער סדרה געלייענט וועגען משה רבנו, דער גרעסטער אידישער נביא. מיר האָבען געלייענט וועגען זיין געבורט, זיינע ערשטע אויפטואונגען, און וועגען דער גרויסער מיסיע וואָס גאָט האָט פאַר אים באַשטימט, די מיסיע פון באַפרייען דאָס אידישע פאָלק פון מצרים.

די סדרה גיט אונז פילעס צוטראַכטען. איך וועל זיך אָבער דאָ אָפּשטעלען אויף דריי מאָמענטען.

ערשטער מאָמענט: ווען משה האָט דערזעהן ווי אַ מצרי שלאָגט אַ אידען, האָט ער באַלד געטויטעט דעם מצרי. משה האָט ניט גע־קענט צוזעהן די אכזריות'דיגע האַנדלונג פון דעם מצרי און זיין האַרץ וואָס איז געווען פול מיט רחמנות צו זיין ברודער דעם אידען איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ ברענענדען כעס צום מערדערישען מצרי.

צווייטע מאמענט: ווען משה האט דערזעהן אין דער מדבר ווי שטאַרקע פאַסטוכער באַפאַלען שוואַכע פרויען, די טעכטער פון יתרו, און פאַרטרייבען זיי פון דעם ברונען, איז משה ווידער אָנגעפילט געוואָרען מיט רחמנות צו די שוואַכע און מיט כעס צו די שטאַרקע, און ער שטעלט זיך איין פאַר די ערשטע.

דער דריטער מאָמענט: ווען גאָט האָט אים באַשטימט צו ווערען דער באַפרייער פון זיין פאָלק–האָט ער זיך אַנטזאָגט פון דער הייליגער שליחות. ערשט ווען גאָט האָט דאָס פון אים שטרענג גע־פאָדערט האָט ער אָנגענומען די שליחות.

פון די דאָזיגע האַנדלונגען זעהען מיר שוין די הויפט אייגענ־שאַפטען פון משה רבנו. גרענצלאָזער רחמנות, העלדענטום און עניוות. ניט אומזיסט האָט גאָט אים אויסדערוויילט אַלס דערלייזער, געזעצגעבער און דער ערשטער נביא.

און היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה זעה איך פאַר זיך די דאָזיגע דריי וואונדערבאַרע אייגענשאַפטען. און אַ טיפער באַ־גער באַהערשט מיך אַז איך זאָל אויך באַזיצען כאָטש אַ טייל פון

די דאָזיגע אייגענשאַפטען. און איך זאָג צו זיך זעלבסט: גליקלאַך איז דאָס פאָלק וועמען גאָט האָט געגעבען אַזאַ פירער ווי משה רבנו, און גליקלאַך בין איך וואָס איך ווער אַ זוהן צום דאָזיגען פאָלק.

די הפטרה

(לויט די אשכנזים)

מיר האָבען געלייענט אין דער היינטיגער הפטרה די פאָלגענדע פסוקים:

„לכן כה אמר ה׳ אל בית יעקב אשר פדה את אברהם: לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחורו. כי בראותו ילדיו, מעשי ידי בקרבו יקדישו את שמי והקדישו את קדוש יעקב ואת אלהי ישראל יעריצו."

לייענענדיג די דאָזיגע פסוקים קומט אויף אַ פראַגע: אומעטום ווערט דערמאָנט „אלהי אברהם", און דאָ ווערט געזאָגט „אשר פדה את אברהם"?

דער ענטפער איז דער: דער נביא גיט אַ רמז אויף דער ערש־טער גרויסער טאַט וואָס אברהם האָט געטאָן. ווען מ'האָט אים אַריינגעוואָרפען אין קאַלכאויוען פאַר זיין גלויבען אין איין גאָט, האָט ער מקדש השם געווען, זיך מקריב געווען פאַר גאָט. ניט גע־טראַכט צו ער וועט געראַטעוועט ווערען פון דעם פייער. אָבער גאָט ברוך הוא האָט אים געראַטעוועט פון טויט. דערפאַר זאָגט דער נביא: ווען דאַרף זיך יעקב, דאָס הייסט, דאָס אידישע פאָלק, ניט שעמען פאַר אַנדערע פעלקער? ווען וועט איר קריגען גרויס כבוד? ווען די קינדער וועלען פונקט ווי אברהם אבינו, מקדש השם זיין, ווען דער יונגער אידישער דור וועט לערנען אונזער תורה און טראָגען אין זיך ליבע און אַכטונג צו אונזער רעליגיע. ווי אָבער אַז די אי־דישע יוגענד געהט אַוועק פון אונזער תורה און אמונה, דאַמאָלסט קריגען מיר שאַנדע און פאַראַכטונג.

און אויך אין דער דאָזיגער לאַנד, ווען אַלע אידישע קינדער וועלען לערנען אידישקייט—וועלען אונז די פעלקער רעספעק־טירען. זיי וועלען זאָגען: דאָס אידישע פאָלק טראַכט ניט נאָר פאַר זיין קערפער, ניט נאָר וועגען געלט און פאַרגעניגען, נאָר אויך פאַר זיין נשמה, פאַר זיין גייסט. אויב אָבער מיר וועלען ניט לערנען אונזער תורה און ברעכען אונזער אמונה, וועלען די פעלקער אונז פאַראַכטען.

און הײנטיגען טאָג׳ מײן בר־מצוה טאָג, װעל איך גוט געדײנקען דעם נביא׳ס װערטער: שטענדיג מקדש השם זײן מיט דעם װאָס איך װעל לערנען אונזער תּורה און מקיים זײן אונזערע מצוות.

די הפטרה

(לויט די ספרדים)

מיר לײענען אין דער הײנטיגער הפטרה:

„ואני הנה נתתיך היום לעיר מבצר ולעמוד ברזל ולחומות נחשת על כל הארץ, למלכי יהודה, לשריה, לכהניה ולעם הארץ. ונלחמו אליך ולא יוכלו לך. כי אתך אני. נאום ה׳ להצילך.״

גאָט האָט באַשטימט ירמיהו׳ן אַלס אַ נביא װען ער איז נאָך געװען אַ יונג אינגעל. ירמיהו האָט שױן דאַמאָלסט געװאוסט די שװערע אױפגאַבע פון אַ נביא און זיך דערפאַר געשראָקען. ער האָט געװאוסט װי שװער איז צו מוסר׳ן שלעכטע מענשען, בפרט נאָך װען דער מוסר זאָגער איז נאָך אַ אינגעל. ער האָט געװאוסט אַז דער נביא װערט פאַראַכטעט, געשאָלטען און אָפטמאָל אױך געשלאָגען. גאָט האָט אָבער געשטאַרקט און דערמוטיגט ירמיהו׳ן. ער האָט אים געזאָגט: שרעק זיך ניט, ירמיהו. איך װעל דיר מאַכען װי אַ פעסטונג, װי אַן אַײזערנער זײל, װי אַ קופּערנע װאַנט, און דו װעסט װאַגען צו רעדען צו װעמען איך װעל דיר שיקען. און װען זײ װעלען זיך שטעלען צו קעמפּפען קעגען דיר, װעל איך דיר פון זײ רעטען.

הײנטיגען טאָג װער איך בר־מצוה און נעם אױף זיך אַ שװערע אױפגאַבע: מקיים זײן אונזער תּורה. אין אַמעריקאַ איז דאָס זעהר שװער צו טאָן. אָבער איך װײס אַז דער װאָס באַזיצט אַ שטאַרקען גלױבען, שרעקט ער זיך ניט פאַר קײן אָפּהאַלט. און דעם דאָזיגען געדאַנק נעם איך אַרױס פון גאָטס װערטער צו ירמיהו הנביא אין דער הײנטיגער הפטרה.

וארא

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט דעם פסוק: „וידבר משה כן אל בני ישראל. ולא שמעו אל משה מקצר־רוח ומעבודה קשה.״ משה האָט אַזוי גערעדט צו די בני ישראל. זיי אָבער האָבען אים ניט געהערט צוליב זייער קורצען אָטעם, דאָס הייסט, צוליב זייער אומגעדולד, און צוליב שווערער אַרבייט.

פון דעם זעהען מיר, אַז די אידען האָבען געוואָלט באַפרייט ווערען, וואָרום דעם ערשטען מאָל ווען משה און אהרן זיינען גע־קומען צו זיי, האָבען זיי אויפגענומען די בשורה פון באַפרייאונג מיט גרויס שמחה, נאָר ווען דאָס איז ניט פאָרגעקומען אַזוי שנעל, האָבען זיי אָנגעהויבען פאַרלירען דעם גלויבען. און דאָס מיינען די ווערטער „מקצר־רוח״.

זיי האָבען זיך אויך פאַרצווייפעלט פון דער גאולה צוליב זייער שווערער אַרבייט. זי האָט זיי ניט געלאָזט שטרעבען צו אויס־לייזונג און פרייהייט. ערשט ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די מופתים און זייער אַרבייט איז אַ ביסעל פאַרלייכטערט געוואָרען— ערשט דאַמאָלס איז געקומען צוריק זייער גלויבען אַז זיי וועלען אויסגעלייזט ווערען.

אויך אין דער היינטיגער צייט זעהען מיר דאָס זעלבע. עס זיי־נען דאָ אידען וואָס גלויבען ניט אַז ארץ ישראל וועט פאַר אונז אויסגעלייזט ווערען. ווייל דאָס קומט ניט פאַר אַזוי שנעל. אַנדערע אידען זיינען צופיל פאַרזונקען אין זייער אייגענער אַרבייט אָדער געשעפט, און זיי קענען דערפאַר ניט טראַכטען וועגען דער אידי־שער גאולה. די ערשטע זיינען ווייט פון דער אַרבייט פאַר ארץ ישראל „מקוצר־רוח,״ פון אומגעדולד. די צווייטע—„מעבודה קשה״— פון פיל אַרבייט.

היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, נעם איך אויף זיך די הייליגע מצוה צו העלפען אויפבויען ארץ ישראל. בעט איך גאט אַז ער זאָל מיר געבען גענוג געדולד אין מיין אַרבייט פאַר ארץ ישראל,

און אַז די אַרבייט פאַר זיך זעלבסט זאָל מיר ניט פיל פאַרשקלאַפען
נאָר איך זאָל האָבען גענוג צייט און מעגליכקייט צו אַרבייטען פאַר
ארץ ישראל.

(ווידער אויף דער סדרה)

מיר האָבען היינט געלייענט וועגען די גרויסע מכות וואָס גאָט
האָט אָנגעשיקט אויף פרעה׳ן און די מצריים. מיר ווייסען אַז ביי
יעדער מכה האָט פרעה באַשלאָסען צו לאָזען די אידען געהן פון
מצרים. ווי אָבער די מכה איז פאַרשוואונדען—איז פרעה געבליבען
איינגעשפאַרט ווי פריער.

דאָס זעלבע זעהען מיר ביי מענשען אין אַלגעמיין. ווען ס׳קומט
אויף זיי א צרה באַשליסען זיי צו ווערען גוט און ערליך. ווי אָבער
די צרה געהט אַוועק—ווערען זיי צוריק ווי פריער.

און היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה, נעם איך אויף זיך
געהן נאָך אונזער תורה. דאָס איז דער וועג פון אמת און יושר. נאָר
אויב חלילה איך וועל אַמאָל אָבגעהן אין אַ זייט פון דעם דאָזיגען
וועג, ווייל אַ מענש איז מעהר ניט ווי אַ מענש, איז מיין בקשה צו
גאָט, אַז ער זאָל מיך צוריק אַרויפפירען אויף דעם ריכטיגען וועג.
ניט דורך ליידען און צרות, נאָר דורך ריינע געדאַנקען און דורך
דעם יצר טוב וואָס ער האָט איינגעפלאַנצט ביי יעדען מענשען.
דאַריבער איז מיין האַרציגסטע תפלה, אַז גאָט זאָל מיך שטענדיג
פירען אין דעם וועג פון אונזער תורה און אמונה וואָס איך האָב
היינט פאַר זיך אויסגעקליבען.

בא

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה לייענען מיר די פסוקים:
„והיה כי תבאו אל הארץ אשר יתן ה' לכם כאשר דבר, ושמרתם את העבודה הזאת. והיה כי יאמרו אליכם בניכם: מה העבודה הזאת לכם? ואמרתם: זבח פסח הוא לה' אשר פסח על בתי בני ישראל במצרים, בנגפו את מצרים ואת בתינו הציל."

דאָס מיינט: ווען איר וועט אַריינקומען אין דעם לאַנד וואָס גאָט וועט אייך געבען, זאָלט איר אָבהיטען די דאָזיגע טאַט. און ווען אייערע קינדער וועלען אייך פרעגען: וואָס מיינט דאָס די דאָזיגע טאַט? זאָלט איר זאָגען: דאָס איז דער קרבן פסח, ווייל גאָט האָט איבערגעהיפּט די אידישע הייזער אין מצרים ווען ער האָט געבראַכט אַ מגפה אויף די מצרים און האָט געראַטעוועט אונזערע הייזער.

פון דעם לערנען מיר צווי זאַכען: איין זאַך, אַז פילע מצוות דאַרפען מיר טאָן אַלס אַן אָנדענקונג פון גרויסע אַמאָליגע פּאַסי־רונגען. צום ביישפּיל, די מצוה וואָס אידען האָבען אַמאָל געהאַט צו באַשמירען פּסח־נאַכט מיט בלוט די טירען, איז אַן אָנדענקונג פון דעם וואָס זיי האָבען געטאָן אין יענער נאַכט ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים. די צווייטע זאַך לערנען מיר אַז מיר דאַרפען ביי די קינדער אַרויסרופען פראַגען. זיי זעהען ווי מ'טוט עפּעס אויסער־געוועהנליכעס, פאַרוואונדערען זיי זיך און פרעגען צו וואָס מען טוט דאָס. דאָס מיינט אַז געדאַנקען אַליין זיינען ניט גענוג. עס זיינען נויטיג אויך מעשים, האַנדלונגען.

אין היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה וועל איך געדיינקען די דאָזיגע צוויי זאַכען. געדיינקען גוט וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, און אויך טאָן די נויטיגע טאַטען. און צוליב דעם לייגען מיר די תפילין של ראש און די תפילין של יד. די ערשטע פאַר געדאַנקען און פאַרן זכרון. די צווייטע—פאַר האַנד־לונגען.

די הפטרה

מיר לייענען ביים סוף פון דער היינטיגער הפטרה:

„אתה אל תירא עבדי יעקב, נאום ה', כי אתך אני. כי אעשה כלה בכל הגוים אשר הדחתיך שמה ואותך לא אעשה כלה. ויסרתיך למשפט ונקה לא אנקך."

דאָס מיינט „האָב קיין מורא ניט מיין קנעכט יעקב, זאָגט גאָט, ווייל איך בין מיט דיר. איך וועל פאַרניכטען אַלע פעלקער צווישען וועלכע איך וועל דיר פאַרשטויסען. אָבער דיר וועל איך ניט פאַרניכטען. איך וועל דיר בלויז באַשטראָפען ווי דיר קומט און דיר ניט פאַרצייען."

די דאָזיגע נבואה איז פולשטענדיג ביי אונז מקויים געוואָרען. גאָט האָט אונז געשטראָפט מעהר ווי אַלע פעלקער, אָבער ער האָט אונז ניט פאַרניכטעט. מיט אַנדערע פעלקער איז געווען דער גע־גענזאַץ. זיי זיינען ניט אַזוי געשטראָפט געוואָרען ווי מיר, זיי זיינען אָבער פאַרניכטעט געוואָרען. פון די אַלע אַלטע פעלקער: מצרים, אשור, בבל, פרס, יון, רום, איז קיין זכר ניט געבליבען. מיר אידען זיינן אַן אַלט פאָלק, אָבער ביז דעם היינטיגען טאָג זיינען מיר יונג און שטאַרק און מיר גרייטען זיך ערשט צוריק ווערען אַ פריי פאָלק אין ארץ ישראל.

און וואָס האָט אונז געמאַכט שטענדיג פאַר אַ יונג און שטאַרק פאָלק?

אונזער תורה און אונזער רעליגיע.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, פיהל איך זיך גליקלאַך וואָס איך ווער אַ זוהן פון דעם אידישען פאָלק, וואָס איז אַן אַלט און אַ יונג פאָלק אין דער זעלבער צייט. אַלט אין חכמה און אין ערפאַרונג. און יונג און פריש מיט כח און ענערגיע און אַמביציע צו אַרבייטען און צו אויפבויען אַן אייגענעם נאַציאָנאַלען לעבען.

בשלח

די סדרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה דאָס פאָלגענדע:
„ויאמר אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלהיך והישר בעיניו תעשה והאזנת למצותיו ושמרת כל חקיו—כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, כי אני ה׳ רופאיך.״

דאָס מיינט: „אויב דו וועסט הערען די שטימע פון גאָט און טאָן וואָס אים געפעהלט, און פאַרנעמען זיינע מצות און אָבהיטען אַלע זיינע געזעצען—דאַמאָלס וועל איך ניט ברייגנען אויף דיר די קראַנק־הייטען וואָס איך האָב געבראַכט אויף מצרים, ווייל איך בין גאָט דיין היילער.״

מיר ווייסען אַז פון אונזער תורה קען דער מענש לערנען און וויסען ווי זיך צו אויפפירען, צו איידעלען זיין נשמה און זיך באַליבט מאַכען ביי לייטען. דאָ לערנען מיר אַז דורך טאָן מצות קען דער מענש אָפּהיטען דאָס געזונד פון זיין גוף, וואָרום דער וואָס פאָלגט נאָך אונזער תורה און אמונה, לעבט ער מיט אַ חשבון און אַ שכל. ער איז ווייט פון קנאה און שנאה און אַלע אַנדערע שלעכטע גע־פיהלען וואָס פאַרביטערען דעם מענשענס לעבען. ער היט זיך אָפּ אין זיין עסען און טרינקען און האָט אונזערע שיינע שבתים און ימים טובים וואָס ברייגנען אונז אַזוי פיל רוהע און צופרידענהייט.

אין היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה, בין איך דורכ־געדרונגען מיט אַ טיפען חשק מקיים זיין אונזערע מצות. דורך זיי וועל איך זיין אַ געטרייער איד, אָבער דורך זיי וועל איך אויך שטאַרקען מיין גוף און אים פאַרהיטען פון פאַרשידענע קראַנק־הייטען.

ווידער איבער דער סדרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה דעם דאָזיגען פסוק:
„והיה כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל, וכאשר יניח ידו וגבר עמלק.״ דאָס מיינט, ווען משה האָט אויפגעהויבען זיין האַנד האָט ישראל געזיגט איבער עמלק׳ן, און ווען משה האָט אַרונטער־

געלאָזט די האַנד, האָט עמלק געזיגט. פרעגען אויף דעם אונזערע חכמים: ווי קען דאָס די אויפגעהויבענע האַנד אָדער די אַראָפּ־געלאָזטע האַנד ווירקען אויף דער מלחמה? דער ענטפער איז: כל זמן די בני ישראל האָבען געריכטעט זייער האַרץ און געדאַנק צו גאָט האָבען זיי געזיגט. טאָמער ניט זיינען זיי געפאַלען. דאָס מיינט דער פסוק. ווען זיי האָבען זיי געזעהן משה׳ס אויפגעהויבענע הענד צום הימעל, האָבען זיך די בני ישראל אָנגעפילט מיט אַ געטליכער גבורה און געזיגט. ווען זיי האָבען דאָס ניט געזעהן, זיינען זיי געוועזען געפאַלען ביי זיך.

היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה גיי איך אַרויס אויף דער מלחמה. איך ווער אויס קינד און גיי אַריין אין דער פער־יאָדע פון אַ דערוואַקסענעם אידען. האָב איך פאַר זיך אַ דאָפּעלטע מלחמה. די מלחמה פאַר׳ן פשוט׳ען, פאַרן מאַטעריעלען לעבען, און פאַר אַ גייסטיגען לעבען. דאָס הייסט די מלחמה צו טאָן אַלעס וואָס איז גוט און שעהן, און ניט טאָן דאָס וואָס איז שלעכט און מיאוס. די מלחמה איז זעהר אַ שווערע, בפרט אין דער דאָזיגער לאַנד וואו אידישקייט איז ניט אַזוי פאַרשפּרייט.

דער פסוק אָבער וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט וועט מיר זיין אַ וועגווייזער אין מיין לעבען. ווען איך וועל ריכטען מיינע געדאַנ־קען און געפיהלען צו גאָט, ווען איך וועל האָבען אמונה און בטחון אין אים—וועט אין מיר לעבען אַ גייסט פון גבורה און מוט און איך וועל באַזיגען אַלע שוועריגקייטען וואָס איך וועל באַגעגענען.

יתרו

די סדרה

מיר האָבען היינט געלייענט אַ זעהר הייליגע סדרה. די סדרה פון מתּן תּורה. וויפיל הויכע און נאָבעלע געדאַנקען רופט ביי אונז אַרויס די דאָזיגע סדרה. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלען בלויז אויף איין פּסוק:

„ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים, כי לי כל הארץ. ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל."

דאָס מיינט: אויב איר וועט יעצט מיך פאָלגען, און אָבּהיטען מיין בונד מיט אַייך—וועט איר מיר זיין אַ אויסדערוויילט ליב פאָלק, פון אַלע פעלקער. ווייל די גאַנצע וועלט איז מיינע. און איר וועט ביי מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליג פאָלק. דאָס זיינען די ווערטער וואָס דו זאָלסט ריידען צו די בני ישראל.

דער געדאַנק איז אַז דורך דער תּורה זיינען מיר אַ אויסדערוויילט פאָלק. און אונזערע חכמים דערציילען אונז אַז גאָט האָט פריער זיך געווענדעט מיט דער תּורה צו אַנדערע פעלקער. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט וואָס שטעהט אין איר געשריבען, האָבען זיי זיך ענטזאַגט זי אָנצונעהמען. מיר אָבער האָבען אויסגעשריען: „נעשה ונשמע!" מיר ווילען טאָן און פאָלגען. און פון יענעם טאָג אָן זיינען מיר דאָס פאָלק ביי וועמען אונזער תּורה איז אונזער נשמה און אונזער לעבען.

און לאָמיר נעמען אונזערע עשרת הדברות. זיי זיינען אַזוי קלאָר און פאַרשטענדליך, אָבער אַזוי הייליג און געטליך. און מיר אידען זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען אַנערקענט זייער געטליכקייט.

אין היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה—ווי טיף איז ביי מיר דער חשק צו זיין אַ געטרייער זון צום אידישען פאָלק, דאָס פאָלק וועמען גאָט האָט אויסגעקליבען פון אַלע פעלקער אין אים באַשיינקט מיט אונזער תּורה.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט וועגען דעם גרויסען פּחד וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ישעיהו הנביא, ווען ער האָט דעם ערשטען מאָל דערזעהן די געטליכקייט און דערפיהלט אין זיך דעם גייסט פון נבואה.

דער נביא האָט דאַמאָלסט אויסגעשריען:

„אוי ליכי נדמיתי. כי איש טמא שפתים אנכי ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב. כי את המלך ה' צבאות ראו עיני." דאָס מיינט, ווי איז מיר, איך בין דערשטוינערט, ווייל איך בין אַ מאַן פון אומ־ריינע ליפּען און וואוין צווישען אַ פאָלק פון אומריינע ליפּען. און מיינע אויגען האָבען דערזעהן גאָט דעם קעניג פון די וועלטען."

אָבער אַ מלאך פון גאָט האָט דעם נביא דערמוטיגט. דער מלאך האָט אָנגעריהרט דעם נביא'ס ליפּען מיט אַ ברענענדער קויל און אים געזאָגט: דער פייער וועט אויסברענען די זינד וואָס דו האָסט און דו וועסט זיין פּאַסיג צו זיין אַ נביא.

אין היינטיגען טאָג, דער טאָג פון מיין בר־מצוה, פיהל איך אויך אַ געוויסען פּחד. עס הויבט זיך ביי מיר אָן אַ נייַ לעבען. איך דאַרף אויף זיך נעמען צו זיין אַ געטרייער איד. אָבער אין דער דאָזיגער לאַנד זיינען דאָ פילע שטערונגען פאַר דעם. לערן איך פון דער היינטיגער הפטרה, אַז פונקט ווי דער הייליגער פייער פון דעם מזבח האָט אויסגעברענט די זינד פון דעם נביא, אַזוי נעם איך אויף זיך אָנצינדען מיינע ליפּען און מיין האַרצען מיט דעם הייליגען פייער פון תּפלה און תּורה.

די תּפלה וועט רייניגען מיין האַרץ צו זיין פּאַסיג פאַר גוטע מעשים, די תּורה וועט מיך לערנען וואָס צו טאָן און ווי אַזוי צו טאָן.

און ווען איך דענק וועגען תּורה און תּפלה, ווערט ביי מיר פאַרשוואונדען דער פּחד פאַר מיין נייַ לעבען, און איך פיהל מיך גליקלאַך וואָס איך ווער אַ איד, אַ קינד צום פאָלק, וועמען גאָט האָט אויסגעקליבען אַלס זיין פאָלק, דאָס פאָלק פון זיין תּורה.

משפטים

די סדרה

מיר האָבען היינט געלייענט אַ וואונדערבאַרע סדרה. די סדרה פון אונזערע געזעצען. די דאָזיגע געזעצען האָבען אונז געמאַכט אַלס אַ גרויס הייליג פאָלק, און זיי זיינען אויך געוואָרען דער יסוד פון אַלע ערליכע געזעצען וואָס זיינען דאָ ביי אַנדערע פעלקער.

נעמט צום ביישפּיל די פאָלגענדע פסוקים:

„וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים." דו זאָלסט ניט מאַטערן דעם פרעמדען און אים ניט אונטערדריקען, ווייל איר זענט אַליין געווען פרעמדע אין מצרים. ווייסען מיר דאָך אַז אין יעדער צייט און אין יעדער לאַנד האָט מען אונטערדריקט דעם פרעמדען. אונזער תורה אָבער וואָרנט אונז זעהר שטרענג מיר זאָלען דאָס ניט טאָן.

אָדער די אַנדערע פסוקים:

„כל אלמנה ויתום לא תענון. אם ענה תענה אותו, כי אם צעק יצעק אלי, שמע אשמע צעקתו." דאָס מיינט, איר זאָלט ניט פייניגען דעם יתום און דער אלמנה. וואָרום אויב איר וועט דאָס טאָן און דער יתום וועט צו מיר שרייען, וועל איך אויפנעמען זיין געשריי.

גאָט איז דער פאָטער פון אלמנות און יתומים, גאָט פון גרויס רחמנות און ער וויל אַז מיר זאָלען האָבען זיינע מדות און געהען אין זיינע וועגען.

רחמנות, יושר און ערליכקייט—דאָס זיינען די יסודות פון אונזערע געזעצען. און גליקלאַך איז דאָס פאָלק וועמען גאָט האָט געגעבען אַזעלכע געזעצען, און גליקלאַך בין איך, וואָס איך ווער היינט אַ קינד צו דעם דאָזיגען פאָלק.

נאָך וועגען דער סדרה

גרויס און וויכטיג איז די סדרה וואָס מיר האָבען היינט געלייענט. דאָס איז אַ סדרה פון געזעצען לויט וועלכע יעדער מענש דאַרף לעבען און זיך פיהלען גליקלאַך.

לאָמיר דאָ דערמאָנען אַ פּאָר פּסוקים.

„כי תפגע שור אויבך או חמורו תועה—השב תשיבנו לו. כי תראה חמור שונאך רובץ תחת משאו וחדלת מעזב לו?—עזב תעזב עמו. לא תטה משפט אביונך בריבו. מדבר שקר תרחק, ונקי וצדיק אל תהרג. וגר לא תלחץ, ואתם ידעתם את נפש הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים.״ ווען דו זעהסט דיין שונא׳ס אָקס אָדער אייזעל בלאָנדזשעט אַרום—דאַרפסטו דאָס אָפּברענגען צו דיין שונא. ווען דו זעהסט דיין שונא׳ס אייזעל פאַלט אונטער אַ שווערער משא, דיינקסטו דאָך שטעהן פון ווייטען און ניט העלפען? ניין. דו מוזט אים העלפען. גיב אַרויס אַ ריכטיגען משפט דעם אַרימאַן. היט זיך זעהר אָפּ פון ליגען און פאַלשקייט. פאַראורטייל ניט דעם אומ־שולדיגען. אונטערדריק ניט דעם פרעמדען, ווייל איר ווייסט די געפיהלען פון דעם פרעמדען און עלענדען. ווייל איר זיינט אַליין געווען פרעמד און עלענד אין מצרים.

אָט דאָס זיינען ביישפּילען פון אונזערע געזעצען.

אין היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה, פיהל איך אַ היי־ליגע פליכט צו זיין געטריי אונזער תורה און אונזער פאָלק. אָבער ניט נאָר אַ פליכט פיהל איך נאָר אַ שמחה. מיט גרויס שמחה און ליבע נעם איך אונזער תורה וואָס האָט אונז געגעבען אַזעלכע וואונדערבאַרע געזעצען.

תרומה

די סדרה

מיר האָבען אין דער היינטיגער סדרה געלייענט וועגען דעם משכן. קען ביי אונז זיך דערוועקען די פראַגע: מיר ווייסען אַז די געטליכקייט פילט אויס די גאַנצע וועלט, צו וואָס זשע האָט גאָט אונז געהייסען צו בויען פאַר אים אַ ספּעציעלע וואוינונג?

דער ענטפער איז אַ קלאָרער. גאָט ווייסט אַז דער מענש קען אים ניט באַגרייפען בלויז מיטן געדאַנק. גאָט ווייסט אַז דער מענש וויל זעהן מיט די אויגען עפּעס ווירקליכעס אין וועלכען עס זאָל זיך זעהן דער גייסט פון גאָט. אָט דאַריבער האָט ער אונז געהייסען בויען אַ משכן. דער משכן איז די וואוינונג פון גאָט. פון דאָרט לאָזט זיך הערן גאָטס וואָרט. דער משכן איז דער צענטער וואוהין עס ווענדען זיך די הערצער און די געדאַנקען פון דעם גאַנצען פאָלק.

אָט אַזוי איז געווען דער משכן אין דער מדבר, און אַזוי איז געווען דער בית המקדש אין ירושלים.

און היינטיגע צייטען, ווען מיר האָבען ניט קיין משכן און ניט קיין בית המקדש, וואָס פאַרנעמט זייער פּלאַץ?

די שול און דער בית המדרש. און אומעטום וואו עס באַזעצען זיך אידען גרינדען זיי אַ שול און אַ בית המדרש פאַר דאַוונען און לערנען.

אין היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה און נעם אויף זיך אַלע אידישע פליכטען, וועט די הייליגסטע פליכט מיינע זיין, צו האַלטען הייליג און טייער אונזערע צוויי משכן׳ס: אונזער שול און אונזער בית המדרש. אין שול וועל איך אויסגיסען אונזערע הייליגע תפלות און אין בית המדרש לערנען און הערען אונזער תורה. און אויב איך וועל אַליין ניט קענען לערנען—וועל איך מיט אַלע מיינע כחות העלפען צו דער גרינדונג און אויסהאַל־טונג פון בתי־מדרש און תלמוד־תורה׳ס און ישיבות,—וואָס זיינען אונזערע משכן׳ס ביי דער היינטיגער צייט.

די הפטרה

מיר האָבען היינט געלייענט ביים סוף פון דער הפטרה דאָס פאָלגענדע:

„הבית הזה אשר אתה בונה, אם תלך בחוקותי ואת משפטי תעשה ושמרת את כל מצותי ללכת בהם—והקימותי את דברי אתך אשר דברתי אל דוד אביך, ושכנתי בתוך בני ישראל ולא אעזב את עמי ישראל."

דאָס מיינט, אַז די דאָזיגע הויז וואָס דו בויסט, אויב דו וועסט געהן אין מיינע געזעצען און דו וועסט טאָן מיינע משפטים און וועסט היטען מיינע מצות, זיי צו נאָכפאָלגען—וועל איך מקיים זיין מיין וואָרט צו דיר, וואָס איך האָב גערעדט צו דיין פאָטער דוד, און איך וועל וואוינען צווישען די בני ישראל און ניט פאַרלאָזען מיין פאָלק ישראל.

פון די דאָזיגע פסוקים לערנען מיר, אַז גאָט איז אין דעם משכן וואָס מיר בויען פאַר אים נאָר דאַמאָלס, ווען מיר היטען זיינע מצות. ווען אָבער מיר געהן ניט אויף דעם וועג פון אונזער תורה, איז ניטאָ די געטליכקייט אין דעם בית המקדש.

מיר ווייסען אַז היינטיגע צייטען פאַרנעמט די שול דעם פלאַץ פון אַ משכן אָדער אַ בית המקדש. די שול איז אָבער דאַמאָלס די הויז פון גאָט, ווען אונזערע תפלות וואָס מיר גיסען אויס אין שול קומען אַרויס פון אַ ריין האַרץ, ווען מיר זיינען געטריי אונזער תורה און היטען אירע מצות. ווען אָבער עס איז ניט אַזוי, דאַמאָלס זיינען ריכטיג די ווערטער פון אונזער גרויסען נביא ישעיהו:—„מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי?" ווער פאַרלאַנגט דאָס פון אייך טרעטען אין מיינע הויפען? ווייל גאָט האָט ניט ליב צוהערען די תפלות פון ניט קיין ערליכע מענשען.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך ווער אַ פול־שטענדיגער איד—איז מיין טיפסטער וואונש, אַז מיינע תפלות זאָלען שטענדיג זיין ריינע און ערליכע, אַז איך זאָל מיין גאַנצען לעבען געהן אויף דעם וועג פון אונזער תורה און אמונה.

תצוה

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט ווי גאָט האָט אונז אָנגעזאָגט אָנצושטעלען כהנים וואָס זאָל טאָן פאַר אים די הייליגע אַרבייט.

מיר האָבען געהאַט כהנים אין משכן פון דעם מדבר. מיר האָבען געהאַט כהנים אין בית המקדש. אָבער אויך היינטיגע צייטען האָבען מיר כהנים. ניט כהנים ביים נאָמען און לויט זייער יחוס, נאָר לויט זייער הייליגער אַרבייט.

ווער זיינען די דאָזיגע כהנים?

דאָס זיינען אונזערע רבנים, לערער, שרייבער, געלערטע וואָס פאַרשפּרייטען תורה און אמונה צווישען אונזער פאָלק. זיי זיינען אונזערע היינטיגע כהנים. זיי שטעהן אויף דער וואַך אַז אונזער אידישער גייסט זאָל ניט אָפּשטאַרבען, אַז דאָס געטליכע פייערל וואָס ברענט אין אונזער האַרצען זאָל זיך ניט אויסלעשען. און ווען ניט די דאָזיגע כהנים, ווער ווייסט צו וואָלטען מיר געקענט עקזיסטירען אַלס פאָלק?

היינטיגען טאָג פאַרבינד איך זיך מיט אונזער תורה און פאָלק. איך ווייס ניט צי איך וועל זיין פעהיג און פּאַסיג צו זיין אַ כהן, צו דינען גאָט אָדער אונזער פאָלק אַלס אַ רבי, אַ לערער, אָדער אנאַנדערער גייסטיגער פירער.

אָבער טיף אין האַרצען פיהל איך גרויס כבוד צו אונזערע כהנים, די טרעגער פון אונזער תורה און אמונה. און מיט אַלע מיינע כחות וועל איך זיך באַמיהען צו באַגרייפען די גרויסקייט און הייליגקייט פון אונזער תורה, כדי איך זאָל ווערט זיין צום ערען־נאָמען וואָס איך טראָג: דער נאָמען פון אַ זון צום אידישען פאָלק.

תשא

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען דעם עגל. דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער פאַרברעכען וואָס אידען האָבען באַגאַנגען נאָך קבלת התורה.

דאָס איז טאַקע געווען אַ שוידערליכער פאַרברעכען.

עס האָבען נאָך געקלונגען אין די אויערען די געטליכע ווער־טער: „אנכי ה׳ אלהיך, לא יהיה לך אלהים אחרים.״ איך בין ה׳ דיין גאָט, זאָלסט ניט האָבען קיין פרעמדע געטער, און שוין האָבען זיי געטאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב און געשריען: „אלה אלהיך ישראל״–דאָס איז, ישראל, דיין גאָט.
ווי האָט דאָס געקענט פאַסירען?

דער ענטפער איז: דער ערב־רב וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אונזער פאָלק פון מצרים, ער האָט דאָס געווירקט אַז דאָס פאָלק זאָל באַגעהן דעם פאַרברעכען, ווייל אונזער פאָלק האָט זיך נאָך ניט געקענט צוגעוואוינען צום געדאַנק פון איין גאָט, נאָכדעם ווי ער האָט פילע יאָהרען געזעהן ווי די מצרים פאַרגעטערן אַן אָקס. מיר ווייסען אַז גאָט האָט אין זין געהאַט פאַרניכטען דאָס פאָלק פאַר זיין פאַרברעכען, אָבער ער איז דערפון ניצול געוואָרען צו־ליב משה׳ס היילינע תפלה.

היינטיגען טאָג הויבט זיך אָן ביי מיר אַ ניי לעבען. איך נעם אויף זיך אויסצופאָלגען אונזער תורה און אמונה. ווייס איך אָבער אַז איך וועל אין מיין לעבען זיך טרעפען מיט מענשען וויס האָבען ניט קיין תורה און ניט קיין אמונה, מענשען וואָס פאַרגעטערן דעם גאָלדענעם קאַלב, דאָס הייסט געלט און פאַרמעגענס. דאָס איז אונזער היינטיגער ערב־רב. איז מיין טיפסטער וואונש היינטיגען טאָג, אַז די דאָזיגע מענשען זאָלען אויף מיר ניט קענען ווירקען, און אַז איך זאָל שטענדיג בלייבען געטריי אונזער פאָלק און אונזער תורה.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט וועגען אליהו הנביא און די פאַלשע נביאים.

דאָס איז איינע פון די דראַמאַטישסטע דערציילונגען אין תנ"ך. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם קעניג אחאב און זיין ווייב איזבל. די געצענדינסט האָט זיך פאַרשפרייט צווישען דעם גאַנצען פאָלק ישראל. די נביאי־הבעל, די פאַלשע נביאים, האָבען געקראָגען די אויבער האַנד. די אמת'ע געטליכע נביאים זיינען כמעט אַלע פאַר־ניכטעט געוואָרען דורך איזבל'ן. עס האָט געהאַלטען דערביי אַז אונזער אמונה זאָל אין גאַנצען פאַרשווינדען. איז אין יענער צייט געקומען אַ גרויסער הונגער איבערן לאַנד. דער הונגער האָט גע־מאַכט דעם קעניג אחאב זיך פאַרטראַכטען וועגען אונזער גאָט און אמונה און ער באַגעגענט זיך מיט אליהו הנביא. דער קעניג גיט נאָך אליהו'ס פאַרלאַנג צונויפזואַמלען אַלע נביאי־הבעל אויפן באַרג כרמל. און דאָרט קומט פאָר די גרויסע געטליכע פאַסירונג. אליהו איז מקדש־השם. דאָס פאָלק ווערט אָנגעפילט מיט אמונה אין איין גאָט און הרג'עט אויס די פאַלשע נביאים.

וואָס פאַר אַ געדאַנקען רופט ביי אונז אַרויס די דאָזיגע ערצע־לונג? אַז עס קומען אַמאָל צייטען ווען אונזער פאָלק פאַרלאָזט זיין תורה און אמונה און ווערט כמעט אויס אידיש פאָלק. דאַמאָלס ערשיינט אַ נביא, אַ מאַן ביי וועמען עס ברענט דער געטליכער גייסט. מיט דעם דאָזיגען גייסט צינט ער אָן דאָס פאָלק, און דאַמאָלס ווערט צוריק אויפגעלעבט די אמונה און דורך איר לעבט אויף דאָס פאָלק אַלס אַ אידיש פאָלק.

אין היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה און בין אויף זיך מקבל אונזער תורה און אמונה—וועל איך גוט גוט געדיינקען די היינטיגע הפטרה. איך וועל געדיינקען די מעשים פון אונזערע גרוי־סע נביאים, זייער פייעריגע ליבע צו אונזער תורה און צו אַלעס וואָס איז אמת און יושר'דיג. און מיין וואונש איז, אַז איך זאָל האָבען אין זיך כאָטש אַ פונק פון דעם הייליגען פייער וואָס האָט געברענט אין די הערצער פון אונזערע נביאים.

ויקהל

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט ווי אַזוי דער משכן איז געמאַכט געוואָרען. די אויפזעהער אויף דער אַרבייט זיינען געווען בצלאל בן חורי און אהליאב בן אחיסמך. און די תורה דערציילט אונז אַז גאָט האָט זיי אָנגעפילט מיט אַ געטליכען גייסט, מיט חכמה און פאַרשטאַנד און מיט דעם וויסען פון יעדער סאָרט אַרבייט. פון דעם זעהן מיר אַז דער וואָס ווייסט גוט זיין מלאכה האָט אין זיך אַ גייסט פון גאָט, און אַז זיין אַרבייט איז זעהר הייליג. דאָס שטימט זעהר מיט די ווערטער פון אונזערע חכמים: „גדול הנהנה מיגיע כפו מירא שמים", גרעסער און וויכטיגער איז דער וואָס פאַרדינט זיין ברויט פון אייגענער אַרבייט פון אַ ירא שמים. מיר ווייסען אויך אַז פילע פון אונזערע תנאים און אמוראים זיינען געווען פשוט'ע בעלי־מלאכות. און ביי דער איצטיגער צייט ווען מיר באַמיהען זיך אויפבויען צוריק אונזער לאַנד, ארץ ישראל, איז אונזער שטאַרקסטער וואונש אַז אונזער פאָלק זאָל מעהר ניט זיין אַ פאָלק וואָס לעבט פון לופט, נאָר זאָל באַארבייטען דאָס לאַנד און טאָן געזונטע פיזישע אַרבייט ווי יעדער געזונט פאָלק.

און היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה און נעם אויף זיך מקיים זיין אונזערע מצות, וועט אין מיר איינגעקריצט ווערען די לעקציע פון דער היינטיגער סדרה.– דאָס איז צו לעבען פון ער־ליכער און כשר'ער אַרבייט, פיזישער אָדער גייסטיגער, און ניט לעבען אַ לעבען פון פוילקייט אָדער חלילה פאַלשקייט און אונ־ערליכקייט. און דאָס איז מיין בקשה אַז גאָט זאָל מיר אָנפילען מיט חכמה און פאַרשטאַנד ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט בצלאל און אהליאב.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט אַז ווען שלמה המלך האָט אָנגעהויבען בויען דעם בית המקדש האָט ער איינגע־לאַדען חירם דעם קעניג פון צור און זיינע בעלי־מלאכות צו־

העלפען איהם אין דעם. די צורים האָבען אויך אויפגעבויעט אַלע שיינע הייזער און פּאַלאַצען, און פון די צורים האָט זיך אונזער־פאָלק אין יענער צייט אויסגעלערענט בויען און נאָך אַנדערע ני׳צ־ליכע מלאכות.

פון דאַמאָלס אן ביז דעם היינטיגען טאָג לערנען מיר זיך דאָס גוטע און ני׳צליכע פון יעדען ציוויליזירטען פאָלק. און ווען מיר וועלען קומען צוריק אין ארץ ישראל וועלען מיר מיטברייגנען מיט אונז דאָס וואָס מיר האָבען געלערענט פון אַנדערע פעלקער און נאָך צוגעבען פון אונזער אייגענעם גייסט און טאַלאַנט.

ווען מיר וואָהנען צווישען אַנדערע פעלקער לערנען מיר פון זיי ניט נאָר דאָס גוטע, נאָר אויך דאָס שלעכטע. אין אונזער לאַנד אָבער וועלען מיר לערנען פון אַנדערע פעלקער נאָר דאָס וואָס איז פאַרבונדען מיט מלאכה און וויסענשאַפט, אָבער ניט דאָס וואָס האָט צוטאָן מיט אַ גייסטיגען און מאָראַלישען לעבען, ווייל אין דעם האָבען מיר דאָס בעסטע פון אונזער אייגענער תורה און אמונה. און איינע פון שלמה המלך׳ס זינד איז געווען וואָס ער האָט דער־לאָזט איינפירען אין אונזער לאַנד די פרעמדע אמונות און מנהגים וואָס האָבען זעהר שלעכט געווירקט אויף אונזער פאָלק.

אין היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה וועל איך גוט געדיינקען די דאָזיגע לעקציע. אין אַמעריקא, דאָס גרויסע ציוויליזירטע לאַנד, וועל איך לערנען און וויסען אַלעס וואָס האָט צוטאָן מיט דעם פּראַקטישען לעבען, אָבער דאָס וואָס האָט צוטאָן מיט גייסט און מאָראַל וועל איך לערנען פון אונזער תורה און אמונה.

פקודי

די סדרה

די היינטיגע סדרה איז די לעצטע פון ספר שמות. אין ספר שמות האָבען מיר געלערענט 4 וויכטיגע היסטאָרישע פּאַסירונגען, דורך וועלכע אונזער פאָלק איז געוואָרען אַ גרויס פאָלק.

דאָס ערשטע איז יציאת מצרים. פון אַ שקלאַפען־פאָלק זיינען מיר געוואָרען אַ פריי פאָלק, דורך יציאת מצרים זיינען אונז געגע־בען געוואָרען געוויסע וויכטיגע געזעצען.

דאָס צווייטע איז קבלת התורה. דורך אונזער תורה זיינען מיר געוואָרען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. די לערער פון אַלע פעלקער.

דאָס דריטע איז די זינד מיט'ן עגל. פון דער פּאַסירונג האָבען מיר געלערענט אַ לעקציע אַז אַפילו אַ גרויס און קלוג פאָלק זינקט אַמאָל אַרונטער אין זיין גייסט, ווען ער ווערט באַאיינפלוסט פון אַנדערע שלעכטע פעלקער. אונזער פאָלק האָט געזינדיגט מיט'ן עגל אונטער דעם אַיינפלוס פון דעם ערב־רב.

דאָס פערטע איז דער משכן. דער משכן—דאָס מיינט אַ וואוי־נונג פאַר דער געטליכען גייסט און אַ צענטער פון תורה און תפלה און קרבנות.

און היינטיגען טאָג ווען איך בין געוואָרען בר־מצוה וועלען פאַר מיר די דאָזיגע פּאַסירונגען זיין פון גרויסע גייסטיגע נוצען. פון יציאת מצרים וועל איך לערנען אַז מיר דאַרפען קיינמאָל ניט אויפגעבען אונזער שטרעבען און באַמיהונג צו זיין אַ פריי פאָלק אין ארץ ישראל. פון מתן תורה—אַז איך זאָל מיט לייב און לעבען זיין איבערגעגעבען צו אונזער תורה. פון דעם עגל—אַז איך זאָל זיך דערווייטערען פון שלעכטע מענשען און פון שלעכטע סביבות. פון דעם משכן—אַז ביי מיר זאָלען זיין טייער און הייליג אונזערע 2 סאָרטען פון משכן: די שול און דער בית המדרש.

אָט דאָס לערן איך ווען איך טראַכט וועגען דעם ספר שמות וואָס מיר האָבען היינט געענדיגט.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער הייגטיגער הפטרה אַז גאָט האָט ניט דערלויבט דוד המלך צו בויען דעם בית המקדש.

פאַר וואָס?

ווייל כאָטש דוד המלך איז געווען אַ צדיק און ווערט גערופען „עבד ד'", דער דינער פון גאָט, האָט ער ניט געטאָרט טאָן די הייליגע אַרבייט פון אויפבויען דעם בית המקדש, ווייל זיין גאַנצען לעבען האָט ער געפירט מלחמות. אמת, די מלחמות זיינען געווען צוליב אונזער פאָלק און לאַנד, אָבער זיי זיינען פאָרט געווען מלחמות. בלוט־פאַרגיסונג. טויט. און די הענד וואָס האָבען בלוט פאַרגאָסען טאָרען ניט בויען קיין בית המקדש וואָס איז דער סימוואָל פון שלום און לעבען.

דער אידעאַל פון שלום איז איינער פון די הייליגסטע אידישע אידעאַלען, שלום צווישען פאָלק און פאָלק, שלום צווישען קלאַס און קלאַס און צווישען מענש און מענש.

און אין דעם הייטיגען יאָרהונדערט, די צייט פון דער העכס־טער ציוויליזאַציע און וויסענשאַפט—איז נאָך קיין שלום ניטאָ אויף דער וועלט. נאָך היינט זיינען אַלע פעלקער באַוואָפענט און גרייט אָנפאַלען איינער אויפ'ן צווייטען, כאָטש מ'רעדט אַזוי פיל וועגען שלום.

און אין דעם היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט שטאָלץ ווען איך שליס זיך אָן אין דעם אידישען פאָלק, דאָס פאָלק וואָס האָט אָמטיפסטען פיינט מלחמות און בלוט־פאַרגיסונג און אַמשטאַרקסטען ליב שלום און ברודערשאַפט צווישען אַלע פעלקער.

ויקרא

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען קרבנות. די קרבנות זיינען געווען אין יענער צייט דאָס וואָס היינט זיינען אונזערע תּפלות. אין יענער צייט ווען אַ איד האָט געוואָלט אויס־דריקען צו גאָט זיינע געפיהלען פון דאַנקבאַרקייט, אָדער די גע־פיהלען פון חרטה און תשובה אויף זיינע זינד—האָט ער געבראַכט אַ קרבן צו גאָט.

היינטיגע צייטען טוען מיר דאָס דורך תּפלות. דורך זיי דאַנ־קען מיר גאָט פאַר דאָס גוטס וואָס ער טוט אונז. דורך זיי דריקען מיר אויס די געפיהלען פון ליבע און באַוואונדערונג צו גאָט אויף זיין חכמה און גערעכטיגקייט.

ביז היינטיגע טאָג בין איך נאָך געווען אַ קינד און דאָס אַלעס ניט געקענט באַגרייפען. פון היינט אָן אָבער, ווען מיין פאַרשטאַנד ווערט רייפער און איך שליס זיך אָן אין דעם אידישען פאָלק, הויב איך אָן ביסלעכוויז צו באַגרייפען די גרויסע וואונדער פון גאָט אין דער גאַנצער באַשעפונג און אין דעם לעבען פון יעדען מענשען. דורך דעם ווער איך אָנגעפילט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און האַרציגער ליבע צו גאָט, און דריק דאָס אויס אין מיין תּפלה:

און מיין ערשטע תּפלה היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה איז:

—גיב מיר גאָט אַ ריין האַרץ און אַן איידעלע נשמה. לערן מיך צו געהן אין די וועגען פון דיין הייליגער תּורה, כּדי איך זאָל ווערט זיין טראָגען דעם גרויסען נאָמען א י ד.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט די דאָזיגע וואונדערבאַרע פסוקים:

„כּה אמר ה׳ עושך ויוצרך מבטן יעזרך. אל תירא עבדי יעקב וישורון בחרתי בו. כי אצק מים על צמא ונוזלים על יבשה, אצק רוחי על זרעך וברכתי על צאצאך. זה יאמר לה׳ אני, וזה יקרא בשם יעקב, וזה יכתב ידו לה׳ ובשם ישראל יכנה.“

דאָס מיינט, „אַזוי זאָגט גאָט דיין באַשאַפער, וואָס העלפט דיר זינט דיין געבורט. האָב קיין מורא ניט מיין קנעכט יעקב, מיין פאָלק וואָס איך האָב דערוויילט. אַזוי ווי איך גיב וואַסער אויף טרוקען דורשטיג לאַנד, אַזוי וועל איך אויסגיסן מיין גייסט און מיין ברכה אויף דיינע קינדער. דער וועט זאָגען: איך געהער צו גאָט, און דער וועט זיך רופען מיט דעם נאָמען פון יעקב. דער וועט זיך אונטערשרייבען צו גאָט און דער וועט זיך רופען ישראל."

די דאָזיגע פסוקים געבען אונז די פאַרזיכערונג, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען. פונקט ווי וואַסער באַלעבט און דערפרישט פאַרטרוקענטע ערד, אַזוי וועט גאָט שטענדיג אונז באַלעבען און דערפרישען און אויסהיטען פון אַלדאָס בייז.

דער נביא דערמאָנט דאָ דריי מינים אידען. איינער וואָס רופט גאָטס נאָמען, דאָס הייסט אַ רעליגיעזער איד, אָבער וואָס איז ניט פאַראינטערעסירט אין דער אידישער נאַציע. אַנאַנדערער—איז אַ איד געטריי דער אידישער נאַציע אָבער וייט פון אונזער רעליגיע. און אַ דריטער וואָס איז געטרייביידען: אי דער אידישער נאַציע אי דער אידישער רעליגיע.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, איז מיין טיפסטער פאַרלאַנג פון גאָט ברוך הוא, אַז ער זאָל אויף מיר אויסגיסען זיין גייסט און זיין ברכה און זאָל מיר שטאַרקען צו זיין אַ איד פון דעם דריטען סאָרט. דאָס הייסט מקיים זיין די מצות וואָס זיינען צו גאָט, און זיין געטריי צו אונזער פאָלק און צו זיינע אידעאַלען, באַזונדער דער גרויסער אידעאַל פון אויפבויען אונזער לאַנד—ארץ ישראל.

צו

די סדרה

זיך באַנוצען מיט דער זעלבער רעדע וואָס איז פאַר דער סדרה פון ויקרא.

די הפטרה

די לעצטע פּאָאר פּסוקים פון דער היינטיגער הפטרה וועלען זיך טיף איינקריצען אין מיין זכרון. אָט דאָס זיינען זיי:
„כה אמר ה׳: אל יתהלל חכם בחכמתו, ואל יתהלל הגבור בגבורתו. אל יתהלל עשיר בעשרו, כי אם זאת יתהלל המתהלל: השכל וידע אותי. כי אני ה׳ עושה חסד, משפט וצדקה בארץ.״

אַ טיפער געדאַנק איז פאַרבאָרגען אין יעדען זאַץ. דער חכם זאָל ניט שטאָלצירען מיט זיין חכמה ווייל חכמה איז אַ מתּנה פון גאָט. דער מענש קריגט דאָס ניט מיט זיין אייגענער מיה. דעריבער האָט ער זיך ניט מיט וואָס זיך גרויס האַלטען. דער גבור דאַרף ניט שטאָלצירען מיט זיין גבורה—אויך צוליב דער זעלבער אורזאַכע. דער רייכער דאַרף ניט שטאָלצירען מיט זיין עשירות, אַפּילו ווען ער האָט דאָס ערוואָרבען מיט זיין מי און אַרבייט, ווייל רייכטום איז ניט קיין זיכערע זאַך. היינט איז דאָס דאָ און מאָרגען פאַרשוואונדעט דאָס. און שלעכט איז דעם מענשען וועמעס איינציגער גליק איז אין זיין רייכטום. וואָרום ווען דאָס ווערט פאַרלאָרען—וואָס בלייבט אַזאַ מענשען? מיט וואָס אָבער דאַרף דער מענש יאָ שטאָלצירען, מיט פאַרשטיין און וויסען די געטליכקייט. מיט פאַרשטיין אַז גאָט ברוך הוא טוט גוטס און גערעכטיגקייט, און מיט דעם וואָס ער, דער מענש, נעמט איבער פון גאָט די דאָזיגע מדה, דאָס הייסט, ער טוט גוטס צו זיינע מיט מענשען. ווייל נאָר דורכדעם וואָס דער מענש טוט גוטס אַ צווייטען, פיהלט ער אַליין דעם אמת׳ן גליק.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה בעט איך ביי גאָט אַז ער זאָל מיר בענשען מיט חכמה און גבורה און רייכטום, אָבער נאָך שטאַרקער איז מיין תּפלה אַז ער זאָל מיר בענשען מיט אַ נאָבעלען כאַראַקטער און מיט אַ שטענדיגען ווילען צו טאָן גוטס יעדען מענשען.

שמיני

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען דעם פאַרבאָט צו עסען טמא'דיגע, געוויסע אומריינע מאַכלים. עס זיינען דאָ צוויי טעמים דערפאַר. ערשטענס, אום אָפּצוטיילען אונז אידען פון די איבעריגע פעלקער, דורך אונזערע מאַכלים. צווייטענס, ווייל מאַכלים וואָס מיר עסען האָבען אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אונזער קערפּער און אונזער כאַראַקטער. צום ביישפּיל, דער וואָס עסט דאָס פלייש פון ווילדע פאַרצוקענדע חיות, מוז אַליין ווערען אַן אַכזר. מיר ווייסען אויך אַז פילע קראַנקהייטען נעמען זיך פון געוויסע מאַכלים. און מיר אידען זיינען פאַרהיט פון געוויסע קראַנקהייטען צוליב אונזערע כשר'ע מאַכלים.

מיר האָבען ניט קיין ערקלערונג אויף יעדער פון אונזערע מצות. אָבער איין זאַך איז פאַר אונז קלאָר: כל זמן מיר וועלען מקיים זיין אונזערע מצות, אַפילו די וואָס מיר פאַרשטעהן ניט, זיינען מיר זיכער אַז אידען וועלען זיין אידען. ווען חלילה אָבער, מיר וועלען אויפגעבען אונזערע מצות, איז אידישקייט אין אַ גרויסער סכנה.

און היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה, איז מיין ערשטע פליכט מקיים זיין אונזערע מצות. דאָס איז אַ ביסעל שווער אין דער דאָזיגער לאַנד. מיין וואונש איז אָבער צו זיין אַ פולשטענדיגער איד. און אַזאַ איד מוז נעמען אויף זיך צו טאָן אַפילו זאַכען וואָס זיינען פאַר אים שווער. און איך האָב בטחון אין גאָט ברוך הוא אַז ער וועט מיר העלפען דורכפירען מיין ווילען צו היטען זיין תורה.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט, אַז ווען דוד המלך האָט אַריינגעפירט דעם אָרון־קודש קיין ירושלים האָט ער זיך זעהר געפרעהט. זיין שמחה איז געווען אַזוי גרויס אַז ער האָט זיך ניט געשעמט צו טאַנצען איבער די גאַסען, און ס'האָט אים

ניט געאַארט וואָס מיכל די טאָכטער פון שאול האָט געלאַכט פון אים.

פון דוד המלך'ס האַנדלונג לערנען מיר צוויי זאַכען: ראשית, אַז מצות געבען דעם מענשען אמת'ע, האַרציגע פרייד. צווייטענס, אַז אַ מענש וואָס טוט אַ גוטע זאַך דאַרף זיך ניט שעמען פאַר אַנדערע וואָס לאַכען פון אים.

דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ גוטע לעקציע. איך דאַרף אויך זיך נעמען טאָן מצות. ווייל דאָס איז ניט נאָר וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון אונז, נאָר זיי זיינען אַ פרייד צום מענשען. נעמט צום ביישפיל אונזערע שבתים און ימים טובים. ווי פיל נחת און פרייד זיי פאַר־שאַפען אונז. אָדער ווען מיר טוען גוטס צום צווייטען, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען דאָס פאַרשאַפט אונז.

ווייטער לערען איך פון דער היינטיגער הפטרה, אַז איך זאָל זיך ניט קוקען אויף דעם וואָס יענער קען שפּאָטען פון מיר ווען איך טו אַ זאַך לויט אונזער תורה און אמונה. זאָל יענער לאַכען, אָבער כל זמן איך בין זיכער אַז איך טו אַ ריכטיגע זאַך־אַרט דאָס מיך ניט.

דאָס וואָס איך לערן היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה.

תזריע און מצורע

די סדרות

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען די דינים פון טומאה און טהרה, אומריינקייט און ריינקייט. גאָט האָט אונז אָנגעזאָגט צו זיין ריין אין אונזער קערפּער און אין אונזער נשמה. און אויב איינער איז טמא געוואָרען מוז ער אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט ביז ער ווערט צוריק ריין.

אונזער תּורה וויל אַז מיר זאָלען זיין זעהר אָפּגעהיט אין אונזער געזונד. זי וויל אויך אַז מיר זאָלען זיך אונטערשיידען פון אַנדערע פעלקער, און דערפאַר האָט זי אונז געגעבען געזעצען וועגען טומאה און טהרה. דורך זיי וועלען מיר זיין ווייט פון אַנדערע פעלקער און זיך פון זיי ניט אָפּלערנען קיין שלעכטע מעשים.

דאָס וועל איך זיך גוט אַריינגעמען אין זין.

איך וועל געדענקען, אַז אָפּהיטענדיג די תּורה וועל איך ניט נאָר האָבען אַ ריינע ערליכע נשמה, נאָר אויך אַ ריינעם געזונטען גוף. איך וועל געדיינקען אַז נאָר דורך אונזערע מצות קענען מיר זיין אָפּגעטיילט פון אַנדערע פעלקער, און אויך אַז איך דאַרף זיך דערווייטערען אַפילו פון אַ אידען וואָס איז ניט ריין קערפּערליך און גייסטיג.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, גיס איך אויס מיין האַרץ מיט אַ תּפלה צו גאָט ברוך הוא, אַז ער זאָל מיר שטאַרקען און מוטיגען צו מקיים זיין די גוטע מצות וואָס ער האָט אונז געגעבען.

די הפטרה

מיר האָבען אין דער היינטיגער הפטרה געלייענט די ווערטער פון נעמן דער גענעראַל פון אַרם וואָס ער האָט געזאָגט צו אלישע הנביא:

„הנה נא ידעתי כי אין אלהים בכל הארץ כי אם בישראל,"

איך ווייס יעצט אַז קיין אַנדער גאָט איז ניטאָ אויף דער וועלט אויסער דער אידישער גאָט.

נעמן האָט דאָס געזאָגט מיט שמחה און דאַנקבאַרקייט, נאָכדעם ווי ער איז אויסגעקורירט געוואָרען פון זיין קראַנקהייט דורך דעם טייך ירדן. נעמן האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסען נס, ווייל זיין רפואה איז געקומען שנעל און אָפען פאַר אַלעמען. מיר ווייסען אָבער אַז ס'פּאַסירען נסים יעדען טאָג. זיי זיינען אָבער ניט צו באַמערקען. אָט לאָמיר זעהן דעם נס מיט'ן אידישען פאָלק. מיר לעבען ביז דעם היינטיגען טאָג, כאָטש שוין טויזענטער יאָרען אַז אַלע פעלקער באַמיהען זיך אונז צו פאַרניכטען. אָדער דער נס מיט ארץ ישראל. שוין באַלד צוויי טויזענט יאָר אַז די לאַנד איז געווען וויסט און פאַרלאָזען, און קיין פאָלק האָט זי ניט געקענט אויפלעבען. זיינען מיר אידען די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר געקומען און אָנגעהויבען איר אויפצולעבען.

אָדער דער נס מיט אונז אין אַמעריקא. מען האָט שוין געדיינקט אַז אין אַמעריקא וועט קומען אַ סוף צו אונזער תורה און אמונה. איצט זעהן מיר, ווי ס'גרינדען זיך תלמוד תורות און ישיבות וואָס געבען אַרויס גרויסע אידישע למדנים ווי אין די אַמאָליגע צייטען.

דאָס אַלעס צייגט אונז אַז גאָט ברוך הוא באַשיצט אונז ביז דעם היינטיגען טאָג.

און היינט ווען איך ווער בר־מצוה, קלינגען מיר אין די אויערען נעמן'ס ווערטער: „הנה נא ידעתי, כי אין אלהים בכל הארץ כי אם בישראל." איך ווייס יעצט אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדער גאָט אויף דער וועלט, אויסער דער גאָט פון ישראל.

מצורע

די הפטרה

די היינטיגע הפטרה דערציילט אונז וועגען 4 מצורעים. און אונזערע חכמים זאָגען אַז דאָס זיינען געווען גחזי, אלישע'ס דינער, און זיינע דריי זין. זיי זיינען געשטראָפט געוואָרען מיט דער דאָזיגער שרעקליכער קראַנקהייט ווייל אלישע האָט פאַרשאָלטען גחזי'ן דערפאַר וואָס ער האָט גענומען מתנות פון נעמן דעם אראַמאַישען גענעראַל.

דאָ פרעגט זיך: ווי האָט געקענט אלישע הנביא, וואָס איז געווען אַזאַ גוטהערציגער און ליבער ווי יעדער נביא, צו שעלטען מיט אַזאַ קראַנקהייט?

דער ענטפער איז: גחזי האָט געבראַכט צו אַ חלול־השם. וואָרום אין אָנפאַנג איז נעמן געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט און ליבּ צום גאָט פון ישראל פאַר דער רפואה וואָס ער האָט באַקומען. אָבער ווי באַלד גחזי האָט אָנגענומען מתנות אין דעם נאָמען פון אלישע, איז שוואַכער געוואָרען ביי נעמן דער געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און כבוד צום נביא און ממילא צו אונזער אמונה.

פון דעם זעהן מיר ווי גרויס עס איז די זינד פון חלול־השם. און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, נעם איך אויף זיך האַלטען הייליג און טייער דאָס וואָס איז הייליג ביי אונזער פאָלק. אָבער מיין הייליגסטע פליכט וועט זיין אָפּהיטען זיך פון יעדער זאַך וואָס קען חלילה פירען צו חלול־השם. דאָס זעלבע פליכט וועט אויף מיר זיין צו טאָן אַזעלכעס וואָס ברייגגט כבוד אונזער רעליגיע און אונזער פאָלק. און דאָס איז מיין האַרציגסטע בקשה פון גאָט ברוך הוא ער זאָל מיר געבען געגוג כח און מוט אויסשפילען מיינע פליכטען.

אחרי

די סדרה

מיר האָבען געלייענט אין דער היינטיגער סדרה דעם פסוק: „ושמרתם את חוקותי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.״ איר זאָלט היטען מיינע געזעצען און מיינע דינים, וועלכע אַ מענש טוט זיי און לעבט דורך זיי.

דער דאָזיגער פסוק איז פאַר דעם גאַנצען פאָלק ישראל און פאַר יעדען איינצעלנעם אידען.

פאַר דעם גאַנצען פאָלק זאָגט דער פסוק, אַז כל זמן דאָס אידישע פאָלק וועט אָפּהיטען אונזער תורה וועט ער אייביג לעבען אַלס אַ פאָלק. אַזוי איז געוועזן ביז דעם היינטיגען טאָג. פון אַלע פעלקער זיינען מיר די איינציגע וואָס לעבען, ווייל מיר האָבען זיך געהאַלטען ביי אונזער תורה.

און וואָס זאָגט דער פסוק יעדען איינצעלנעם אידען? ווען אַ פאָטער גיט איבער די תורה זיינע קינדער לעבט ער מיט זיין גייסט אַפילו נאָך זיין טויט, ווייל די קינדער לעבען אין דעם גייסט פון אונזער תורה און אין דעם גייסט פון זייער פאָטער.

די ווערטער „וחי בהם״ האָבען נאָך אַ מיינונג, לויט דעם פירוש פון אונזערע חכמים: „וחי בהם ולא שימות בהם.״ דאָס מיינט אונזער תורה איז אַ תורה פון לעבען, פון געזונט און פאַרגעניגען. דער וואָס היט זי אָפּ, איז דאָס ניט נאָר גוט פאַר זיין נשמה, נאָר אויך פאַר זיין גוף.

דאָס איז וואָס לערענט אונז דער דאָזיגער פסוק. און היינט ווען איך ווער בר־מצוה איז מיין טיפסטער וואונש אַז די לעקציע פון דעם פסוק זאָל מיר שטענדיג דינען אַלס אַ וועג ווייזער אין מיין נייעם אידישען לעבען.

די הפטרה

מיר האָבען אין דער היינטיגער הפטרה געלייענט אַ פסוק

וואָס איז קליין אין זיינע צאָל ווערטער אָבער רייך אין גרויס אין זיין אינהאַלט.

דאָס איז דער פסוק:

„והפיצותי אותך בגויים, וזריתיך בארצות. והתמותי טמאתך ממך."

דאָס מיינט, איך וועל דיך צושפרייטען צווישען די פעלקער, דיר צוואַרפען צווישען לענדער און איך וועל פאַרניכטען דיין אומריינינקייט.

דער פסוק ענטפערט אויף אַ גרויסע פראַגע: פאַר וואָס האָט אונז גאָט פאַרטריבען פון אונזער לאַנד און אונז צושפרייט צווישען די פעלקער?

דער ענטפער איז: צו אָפריינינען אונז פון אונזערע זינד. ווייל די יסורים פון אַ פאָלק וואָס לעבט אין גלות זיינען זעהר גרויס, אָבער די דאָזיגע יסורים רייניגען זיין נשמה און מאַכען אים פאַר אַ גרויס און הייליג פאָלק.

די לעצטע צייט אָבער איז שוין פול געוואָרען די מאָס פון אונזערע ליידען אין גלות. און גאָט ברוך הוא האָט שוין אין אונז דערוועקט דעם רצון צו בויען צוריק אונזער לאַנד. און דאָס טוען מיר פאַר די לעצטע עטליכע צענדליג יאָר.

דאָס זיינען די געדאַנקען וואָס קומען אַרויף דורך דעם דאָזיגען פסוק. און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, וועל איך טיף אַנערקענען אַז די יסורים פון גלות האָבען אונז געלייטערט און געשטאַרקט און אַז איצט דאַרפען מיר זיך נעמען צו מאַכען אַ סוף צו אונזער גלות און ווערען אַ פריי פאָלק אין ארץ ישראל.

קדושים

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט פּסוקים וואָס ענטהאַלטען וואונדערבאַרע געדאַנקען.

לאָמיך דאָ דערמאָנען עטליכע פון זיי.

„קדושים תהיו, כי קדוש אני ה׳ אלהיכם"—זייט הייליג, ווייל איך, אייער גאָט, בין הייליג. „ובקצרכם את קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך לקצר. ולקט קצירך לא תלקט."—ווען איר שניידט די תבואה, זאָלסטו ניט שניידען די תבואה וואָס איז ביים עק פעלד. און דאָס וואָס פאַלט אַראָפּ פון דיין שניט זאָלסטו ניט צונויפקלייבען. „לא תעשק את רעך, ולא תגזל." —באַרויב ניט און באַ׳גזל ניט דיין מיט־מענשען. „לא תלין פעולת שכיר עד בקר."—פאַרהאַלט ניט די לוין פון אַ געדונגענעם אַרבייטער ביז אַ צווייטען פריהמאָרגען. „לא תעשו עול במשפט."—באַגעהט ניט קיין אומרעכט אין אַ משפּט. „בצדק תשפט עמיתך."—משפּט דיין פריינד מיט גערעכטיגקייט. „לא תקום ולא תטור."—זיי זיך ניט נוקם און טראָג ניט אין האַרצען קיין געפיהל פון נקמה. „ואהבת לרעך כמוך."—האָב ליב דיין מיט־מענשען ווי זיך זעלבסט. „כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם."—דער פרעמדער ביי אייך זאָל זיין פאַרעכענט ווי אייער אַ אייגענער בירגער.

דאָס זיינען די געזעצען פון אונזער תורה, און פון היינט אָן און ווייטער נעם איך אויף זיך מקיים זיין די דאָזיגע געזעצען.

וועל איך דאָס קענען טאָן?

איך ווייס ניט. אָבער טיף אין מיין האַרצען לעבט דער רצון ווי צו מקיים זיין. מיין גאַנצע נשמה שטרעבט צו זיין גוט און צו טאָן גוטס דעם צווייטען. און דאָס איז מיין האַרציגסטע בקשה פון גאָט ברוך הוא ער זאָל מיר העלפען דורכפירען מיין רצון, כדי איך זאָל זיין אַ געטרייער זון צו אונזער פאָלק און אונזער תורה.

די הפטרה

(כמנהג האשכנזים)

מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה די דאָזיגע פּסוקים:

„הנה עיני ה' אלהים בממלכה החטאה, והשמדתי אותה מעל פני האדמה. אפס כי לא השמד אשמיד את בית יעקב, נאום ה'. כי הנה אנכי מצוה והנעותי בכל הגוים את בית ישראל כאשר ינוע בכברה ולא יפול צרור ארץ.‟

דאָס מיינט. די אויגען פון גאָט זיינען געווענדעט צו דער דאָזיגער זינדיגער מלוכה. און איך וועל זי אָבווישען פון דער ערד, אָבער די הויז פון יעקב, זאָגט גאָט, וועל איך ניט פאַרניכטען. איך וועל פאַרזאָגען און איך וועל צוטרייסלען דאָס הויז פון ישראל צווישען די פעלקער, ווי מ'טרייסעלט מיט אַ זיפּ, אָבער קיין ברעקעל וועט ניט פאַלען צו דער ערד.

פון די דאָזיגע פּסוקים הערען מיר אַ שלעכטע נבואָה און אויך אַ גוטע הבטחה. גאָט וועט פאַרניכטען די אידישע מלוכה אָבער ניט דאָס אידישע פאָלק. גאָט וועט צושפּרייטען אידען צווישען אַלע פעלקער אָבער זיי וועלען ניט פאַרלוירען גיין.

די שלעכטע נבואָה און די גוטע הבטחה זיינען מקויים געוואָרען. מיר האָבען פאַרלאָרען אונזער מלוכה, אָבער מיר זיינען פאַרבליבען אַלס אַ פאָלק. מיט וועלכען כח? וואָס האָט אונז געשיצט פון אונטערגאַנג?

אונזער תּורה. מיר האַלטען אונזער תּורה און זי האַלט אונז אויף ביי אונזער לעבען. וויינינג האָב איך דערווייל געלערענט אונזער תּורה אָבער ווייסען ווייס איך שוין ווי געטליך זי איז, און ווי גרויס איז איר כח אונז צו היטען און צו באַשיצען. און גרויס איז מיין גליק היינט ביי מיין בר־מצוה ווען איך שליס זיך אָן אין אונזער פאָלק און אין אונזער תּורה.

אמור

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען שבת און אונזערע ימים טובים: פסח, שבועות, ראש השנה, יום כפור, סוכות. וויל איך דאָ עפּעס זאָגען וועגען זיי.

אונזערע ימים טובים זיינען אונז הייליג צוליב צוויי טעמים. איין טעם איז אַ נאַציאָנאַלער, דער צווייטער – אַ פּערזענליכער. דער נאַציאָנאַלער טעם איז דער: קיין זאַך קען אונז אַזוי שטאַרק ניט אונטערשיידען פון די אַרומיגע פעלקער ווי אונזערע שבתים און ימים טובים, און כל זמן מיר וועלען זיי אָפּהיטען וועלען מיר זיין באַשיצט פון אונטערגאַנג.

דער פּערזענליכער טעם איז דער: שבת און יום טוב געהען מיר אַוועק פון אונזער אַלטעגליכען לעבען און טרעטען אַריין אין אַ לעבען פון הייליגקייט און גייסט. מיר האָבען, נאַטירליך, פאַרגעניגענס פאַר אונזער גוף, אָבער אויך אונזער נשמה האָט שמחה און פאַרגעניגען. מיר דערפרישען אונזער קערפּער, אָבער אונזער נשמה ווערט אויך געהויבען דורך אונזערע תפלות און זמירות. דערמיט אונטערשיידען מיר זיך אויך פון אַנדערע פעלקער, ביי וועמען יום טוב איז מעהר פאַר'ן קערפּער ווי פאַר דער נשמה.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, מיין גרויסער יום טוב, וועל איך גוט געדיינקען, אַז איך אַלס איד דאַרף ניט נאָר טראַכטען און אַרבייטען פאַר מיין גוף, נאָר אויך לעבען אַ גייסטיגען לעבען, און דערמיט וועל איך זיין אַ געטרייער זון צו אונזער פאָלק און אונזער תורה.

די הפטרה

אין אונזער היינטיגער הפטרה לערנען מיר פון דעם נביא געוויסע זאַכען וועגען די אידישע כהנים. דער נביא יחזקאל, פּונקט ווי משה רבנו, האָט געפאָדערט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל האָבען אַ גרופּע פון מענשען וואָס זאָלען זיין די לערער און די פירער פון דעם פאָלק. דאָס זיינען די כהנים. די כהנים דאַרפען היטען

אונזער תורה פונקט ווי דאָס גאַנצע פאָלק. זיי דאַרפען אָבער אויך זיך הייליגען און רייניגען און שטעהן העכער פון דעם פאָלק אין זייער גייסט און האַנדלונגען.

צו וואָס האָט מען געדאַרפט אַזעלכעס?

כדי דאָס פאָלק זאָל שטענדיג זעהן פאַר זיך אַ מוסטער פון רייניגקייט און הייליגקייט און זיך באַמיהען געהן אויף דעם זעלבען וועג.

די כהנים זיינען געווען אין דער צייט פון בית המקדש. היינט אַז מיר האָבען ניט קיין בית המקדש ווער פאַרנעמט דעם פלאַץ פון די כהנים?

אונזערע רבנים און לערער. זיי טראָגען פאַר אונז די פאָן פון אונזער תורה און אמונה. זיי זיינען אונזערע פירער.

אין היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך פאַרפליכטע זיך זיין געטריי אונזער תורה און אמונה, קען איך ניט מבטיח זיין צו זיין איינער פון די כהנים, אונזערע גייסטיגע פירער. אָבער דאָס קען איך יאָ מבטיח זיין: צו האָבען טיפען רעספעקט פאַר אונזער תורה און אירע טרעגער און זיך באַמיהען אַז אונזער תורה און אירע טרעגער זאָלען פאַרנעמען אַ זעהר בכבוד׳יגען פלאַץ אין אונזער לעבען.

בהר

די סדרה

מיר האָבען אין דער היינטיגער סדרה געלייענט וועגען שמיטה און יובל. די דאָזיגע געזעצען זיינען פאַר דער טובה פון דעם איינ־צעלנעם און פון דער געזעלשאַפט.

דאָס יאָר פון יובל איז דער יאָר פון פרייהייט פאַר דעם מענשען און אויך פאַר דער ערד. דער מענש דאַרף זיין פריי, ניט פאַרשקלאַפט צו אַ צווייטען. די ערד טאָר אויך ניט זיין דאָס אייגענטום פון דעם איינצעלנעם, נאָר פון דעם גאַנצען פאָלק. די ערד איז גאָטס אייגענטום און ווער עס באַאַרבייט איר, צו דעם געערט זי.

די דאָזיגע געזעצען זיינען ניט פאַר איין דור אָדער פאַר איין פאָלק. זיי זיינען גוט און ניצליך פאַר אַלע דורות און פאַר אַלע פעלקער. און אונזער גלויבען איז, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט ווען אַלע פעלקער וועלען אָננעמען די געזעצען פון אונזער תורה, ווי דער נביא זאָגט: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים". פון ציון וועט אַרויס קומען די תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים.

און היינט ווען איך ווער בר־מצוה פיהל איך דעם אמת׳ן גליק, וואָס איך בין אויף זיך מקבל די הייליגע פליכטען פון אונזער תורה. און מיין האַרציגסטע תפלה היינטיגען טאָג איז, אַז גאָט ברוך הוא זאָל מיר שטאַרקען און מוטיגען ניט נאָר מקיים זיין די מצות וואָס זיינען צווישען מענשען און גאָט, נאָר אויך די וואָס מיר רופען „מצות צווישען מענש או מענש", אָט פון דעם סאָרט מצות וואָס מיר האָבען געלייענט אין דער היינטיגער סדרה.

די הפטרה

מיר האָבען היינט געלייענט אין אונזער הפטרה אַ וואונדער־באַרע ערציילונג.

ירמיהו הנביא איז געווען פאַרשלאָסען אין תפיסה ווייל ער האָט געזאָגט שלעכטע נביאות. ירושלים איז באַלעגערט, די כשדים רינגלען איר אַרום פון אַלע זייטען און די איינוואוינער פון שטאָדט

פאַלען אויס ביי דער שווערד פון שונא, פון מגפות און פון הונגער. דער נביא ווייס גאַנץ גוט אַז באַלד וועט די שטאָדט פאַלען פאַר׳ן שונא און אידען וועלען געהן אין גלות. פון דעסטוועגען קויפט ער אַ נחלה אין זיין געבורטסשטאָדט ענתות.

פאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן?

צו באַווייזען דעם פאָלק, אַז כאָטש די גאַנצע לאַנד וועט באַלד פאַרנומען ווערען פון די כשדים און אידען וועלען געהן אין גלות– וועט דאָס אָבער זיין ניט מעהר ווי אויף פופציג יאָר. נאָכדעם וועלען אידען קומען צוריק און אויפבויען דאָס לאַנד.

ירמיהו׳ס ווערטער זיינען מקויים געוואָרען. ירושלים איז געפאַלען. דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין גלות. אָבער זיינע גוטע ווערטער זיינען אויך מקויים געוואָרען. פופציג יאָר שפּעטער זיינען אידען געקומען צוריק, אויפגעבויט דעם בית המקדש און צוריק געלעבט אַלס אַ פריי פאָלק. וואָס ס׳האָט דאַמאָלט פּאַסירט וועט פאַסירען ווידער אַמאָל. מיר זיינען געגאַנגען ווידער אין גלות, אָבער אונזערע נביאים האָבען אונז מבטיח געווען אַז מיר וועלען ווידער אויסגעלייזט ווערען. און דאָס הויבט שוין אויך אָן מקויים צו ווערען אין דער לעצטער צייט. ווייל מיר זעהן ווי אונזער לאַנד, ארץ ישראל, ווערט אַלץ ווייטער אויפגעבויעטער און לעבעדיגער.

דאָס איז וואָס איך לערן פון היינטיגער הפטרה.

גלויבען אונזערע הייליגע נביאים. זיין געטריי צו זייערע געטליכע אידעאַלען. דאָס איז מיין פליכט ווען איך טרעט אַריין אין מיין נייעם אידישען לעבען.

בחוקותי

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען די ברכות און קללות. ברכות–ווען מיר וועלען געהן אויפ'ן וועג פון אונזער תורה, קללות–ווען מיר וועלען, חלילה, אַוועקגעהן פון דעם דאָזיגען וועג.

און איך וויים. די ווערטער פון אונזער תורה זיינען די ווערטער פון גאָט ברוך הוא. און געלערענט האָבען מיר, סיי פון אונזער אייגענער געשיכטע און פון דער געשיכטע פון דער וועלט, אַז עס ווערען מקויים אי די ברכות, אי די קללות. אַ פאָלק וואָס לעבט אַ לעבען פון גערעכטיגקייט און אמת, לעבט ער אַ פריילינכען און גליקליכען לעבען. אַ פאָלק וואָס זינדיגט–ווערט ער באַשטראָפט. און מיר ווייסען אויך, אַז אַלע אַלטע פעלקער וואָס האָבען גע־זינדיגט, זיינען אָבגעווישט געוואָרען פון דער וועלט. און מיר אידען?–מיר האָבען געהאַט גענוג קללות און צרות, אָבער אונזערע נביאים האָבען אונז מבטיח געווען, אַז מיר וועלען זיין אַ אייביג פאָלק.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה הויבט זיך אָן ביי מיר אַ ניי אידיש לעבען. איך דאַרף זיין געטריי אונזער פאָלק און אונזער תורה. און איך בין זיכער אַז ווען איך וועל געהן אויפ'ן וועג פון אונזער תורה–וועט מיין לעבען זיין אַ לעבען פון שיינקייט, גערעכטיגקייט און אמת. דורך דעם וועל איך אויף זיך ברייגגען די ברכות וואָס זיינען געשריבען אין דער היינטיגער סדרה.

זאָל איך ניט אויסקלייבען דעם וועג פון דער תורה? געוויס. און אויב מיר וועט זיין שווער אויספילען מיינע אידישע און מענש־ליכע פליכטען וועל איך זיך ווענדען מיט אַן האַרציגער תפלה צו גאָט ברוך הוא:

„לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי." באַשאַף אין מיר, אָ גאָט, אַ ריין האַרץ, און באַנייע מיך מיט אַ ערליכער איידעלער נשמה.

די הפטרה

צוויי פסוקים פון דער היינטיגער הפטרה וועלען זיך איינקרייצען אין מיין זכרון. דאָס זיינען זיי:

„ברוך הגבר אשר יבטח בה׳ והיה ה׳ מבטחו. והיה כעץ שתול על מים ועל יובל ישלח שרשיו, ולא יראה כי יבא חם והיה עלהו רענן ובשנת בצרת לא ידאג ולא ימיש מעשות פרי.״

דאָס מיינט, געבענשט איז דער מענש וואָס ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, און גאָט איז שטענדיג דער אויף וועמען ער שטיצט זיך. דער מענש וועט זיין ווי אַ בוים פאַרפלאַנצט לעבען וואַסער, און וואָס שיקט זיינע צווייגען אונטער דעם קוואַל. ער האָט ניט צו זאָרגען ווען ס׳קומט אָן די היץ, און שטענדיג זיינען זיינע בלעטער פריש. און אַפילו אין דעם יאָר פון טריקעניש זאָרגט ער זיך ניט און הערט ניט אויף אַרויסגעבען פרוכטען.

פון די פסוקים לערנען מיר די עצה פון בטחון אויף גאָט. דאָס איז איינע פון די שענסטע אידישע עצות. אַפילו אין די ערגסטע צייטען, פאַרלירען מיר זיך ניט. פאַרצווייפלען מיר ניט.

און היינטיגען טאָג ווען איך ווער בר־מצוה, פאַרפליכטע איך זיך אָפּהיטען אונזער תורה און זיין אַ געטרייער זון אונזער פאָלק. און היינטיגען טאָג איז מיין בקשה צו גאָט אַז ער זאָל אין מיר אויך איינפלאַנצען די וואונדערבאַרע אידישע מדה פון בטחון.

און איך גלויב אַז ווען איך וועל געהן אין דעם וועג פון אונזער תורה און אמונה, וועל איך האָבען אין זיך די דאָזיגע מדה און דורך דעם וועט מיין לעבען זיין אַ לעבען פון גליק און פרידען.

במדבר

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט, אַז ווען אַ איד ווערט אַלט 20 יאָר ווערט ער איינגעשלאָסען אין דער אַרמיי און געהט אויף דער מלחמה ווען ס'איז נויטיג. 20 יאָר אַלט דאַרף זיין אַ איד אום צו ווערען אַ סאָלדאַט קערפּערליך. אום אָבער צו אָנהויבען דינען אין דער אַרמיי פון גייסט, צו קעמפען פאַר אונזער תורה און אמונה, פאָדערט זיך ווען דער איד איז בלויז 13 יאָר אַלט. ווייל אין דעם דאָזיגען יאָר הויבען אָן רייף ווערען זיינע גייסטיגע כחות און ווערט פעהיג צו דערפילען זיינע אידישע פליכטען.

און אַזוי ווי פאַר קערפּערליכער מלחמה זיינען נויטיג מוט און גבורה, אַזוי זיינען זיי נויטיג אין דער מלחמה פון גייסט.

וואָס גיט אונז דעם מוט און גבורה?

קענטעניסע אין אונזער תורה. דורך אונזער תורה לערנט דער איד זיך צו באַהערשען, און צו געהן אין דעם ריכטיגען וועג. און ווען ער געוואוינט זיך צו טאָן גוטס און זיך דערוויטערען פון שלעכטס אַזוי ווערט פאַר אים לייכט צו זיין אַ ערליכער מענש. ווייל געוואוינהייט ווערט ביי אים זיין צווייטע נאַטור.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה ווער איך אַ סאָלדאַט אין אונזער אידישער אַרמיי. ניט קיין שווערד און ביקס וועלען זיין מיינע כלי־זיין, נאָר ידיעות אין אונזער תורה, שיינע מדות און ערליכע מעשים. אָט מיט זיי וועל איך קעמפען מיין קאַמף אין דעם נייעם לעבען וואָס איך הויב אָן.

די הפטרה

די לעצטע דריי פסוקים פון אונזער היינטיגער הפטרה רופען ביי מיר אַרויס געדאַנקען וואָס פּאַסען זעהר פאַר מיין היינטיגען טאָג.

דאָס זיינען די פסוקים:

„וכרתי להם ברית ביום ההוא עם חית השדה ועם עוף השמים

ורמש האדמה. וקשת וחרב ומלחמה אשבר מן הארץ והשכבתים לבטח. וארשתיך לי לעולם וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים. וארשתיך לי באמונה וידעת את ה.״

דער ערשטער פסוק זאָגט אונז אַז גאָט וועט שליסען אַ בונד צווישען אידען און די חיות פון פעלד, די פויגלען פון הימעל און די קריכענדע באַשעפענישען פון דער ערד. און אויך אַז ער וועט צוברעכען די בויגענס, די שווערד און וועט לאָזען אידען לעבען אַ זיכערען לעבען.

דאָס איז די גרויסע הבטחה וועגען שלום. דער אידעאַל פון אַלע אונזערע נביאים און אַ אידעאַל וואס איז אַזוי באַליבט ביים אידישען פאָלק.

די אַנדערע 2 פסוקים וואָס איך דאַרף זיי זאָגען ווען איך לייג ד תפלין, רעדען צו אונז וועגען דער פאַרבינדונג צווישען גאָט און דעם פאָלק ישראל.

„וארשתיך לי לעולם״–איך וועל דיר צובינדען צו מיר אויף אייביג. דאָס הייסט, קיין מאָל וועט גאָט ניט אויפגעבען אונזער פאָלק, און קיין מאָל וועט אונזער פאָלק ניט פאַרלאָזען גאָט. „וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים״, איך וועל דיך צובינדען דורך גערעכטיגקייט און משפט און חסד און רחמנות. נאָר אַ איד וואָס באַזיצט אַזעלכע מדות הייסט אַ אמת׳ער איד. „וארשתיך לי באמונה״–איך וועל דיך פאַרבינדען דורך אמונה אין גאָט. „וידעת את ה׳״–אמונה איז ניט גענוג. ס׳איז נויטיג אויך וויסענשאַפט, פאַרשטענדעניש פאַר די גרויסע געטליכע וואונדער.

און היינטיגע טאָג פון מיין בר־מצוה איז טיף מיין וואונש אַז צווישען מיר און גאָט ברוך הוא זאָל זיין אַזאַ פאַרבינדונג מיין גאַנצען לעבען.

נשא

די סדרה

אין דער הײנטיגער סדרה האָבען מיר געלײענט װעגען די דינים פון אַ נזיר.

אונזער תורה פאַרלאַנגט ניט פון אונז אַז מיר זאָלען זײן נזירים, אַסקעטען. זי װיל ניט אַז מיר זאָלען זיך ענטזאַגען פון די תענוגים פון דער װעלט. זי פאַרלאַנגט אָבער, אַז װען אַ מענש נעמט אויף זיך צו זײן אַ נזיר–מוז ער דורכפירען זײן באַשלוס.

דאָך ליגט אין נזירות אַ גרויסער געדאַנק.

װאָרום אויב אַ מענש קען זיך אויסשליסען פון זאַכען װאָס אים איז ערלויבט, קריגט ער דערמיט אַ גרויסען כח זיך צו באַהערשען, דורך דעם איז אים זעהר לײכט ניט טאָן דאָס װאָס אים איז פאַרבאָטען.

און דאָס װײסען מיר דאָך, אַז דער רוב פון מענשען װײסען װאָס איז גוט און װאָס איז שלעכט, און אין האַרצען ליבען זײ דאָס גוטע און האַסען דאָס שלעכטע. ס'איז נאָר שװער פאַר זײ צו לעבען און צו האַנדלען לויט זײער װיסען און געפיהל.

דאָס װאָס איך װעל לערנען פון דער הײנטיגער סדרה.

האָבען אַ שטאַרקען כאַראַקטער און זיך קענען גוט באַהערשען. װען איך װײס אַז דאָס איז גוט–דאַרף איך דאָס טאָן, כאָטש ס'איז שװער צו טאָן. און פאַרקערט. װען איך װײס אַז דאָס איז שלעכט, דאַרף איך זיך אָפּהאַלטען דאָס ניט טאָן–כאָטש דאָס איז שװער.

און הײנטיגען טאָג פון מײן בר־מצוה איז מײן האַרציגסטע בקשה פון גאָט אַז ער זאָל מיר בענשען מיט אַ שטאַרקען גײסט און כאַראַקטער.

די הפטרה

מיר האָבען אין דער הײנטיגער הפטרה געלײענט װעגען שמשון הגבור. דער מלאך האָט צוגעזאָגט זײנע עלטערען אַז זײ װעלען האָבען אַ זון, אַז ער װעט זײן אַ נזיר און אַז ער װעט העלפען די אידען פון די פלשתים.

דעם מלאָך'ס ווערטער זײַנען מקוים געוואָרען. שמשון איז געווען אַ נזיר און האָט אויך געהאָלפען עטליכע מאָל די אידען פון די פּלשתּים. האָט ער אָבער געבראַכט פאַר די אידען די גאַנצע ישועה? ניין. פאַר וואָס?

ווייל שמשון איז טאַקע געווען אַ גבור אָבער בלויז קערפּערליך. זיין גייסט איז געווען זעהר אַ שוואַכער. איין מאָל איז ער פאַר־פיהרט געוואָרען און חתונה געהאַט פאַר אַ פּלשתּ'ישער פרוי. און אַ צווייטען מאָל איז ער אויך פאַרפירט געוואָרען דורך אַ פּלשתּ'יי־שער פרוי און איז דורך דעם אומגעקומען. צוליב דעם קען ביי אונז שמשון ניט גערעכענט ווערען צווישען די גרויסע אידישע פירער ווי יהושע, דבורה, גדעון, שאול און דוד.

אמת, אונזער תּורה פאַרקלענערט ניט די ווערט פון קערפּער־ליכען געזונד און שיינקייט. זי פאָדערט אָבער אויך אַ שיינע און געזונטע נשמה. אָהן דעם קען דער מענש ניט שטעהן העכער פון דער חיה און דער בהמה.

דאָס איז די לעקציע פון דער היינטיגער הפטרה.

און פאַר מיר איז דאָס זעהר אַ ניצליכע לעקציע היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך טרעט אַריין אין מיין נייעם אידישען לעבען. איך וועל געוויס אַכטונג געבען אויף מיין גוף, אַז ער זאָל זיין געזונט און שטאַרק, אָבער איך וועל אויך גוט אין זין האָבען צו ענטוויקלען מיינע גייסטיגע כּחות, מיין פאַרשטאַנד און מיין נשמה. דאָס וועל איך טאָן דורך אונזער געטליכער תּורה און אמונה.

בהעלותך

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט אַ פּאָאר פּסוקים פון וועלכע מיר לערנען אַ ביסעל וועגען משה רבנו'ס כאַראַקטער. דאָס זיינען די פּסוקים:

„און אַ יונגעל איז געקומען און געמאָלדען אַז אלדד ומידד זאָגען נביאות, האָט זיך יהושע אָפּגערופען מיט גרויס כעס:

„משה מיין האַר, פאַרניכטע זיי!"

אָבער משה האָט אויף דעם געענטפערט: „וואָס, דו נעמסט זיך אָהן מיין קריוודע?-הלוואַי וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט געווען נביאים, דער מיט וואָס ער וועט אויף זיי אויסגיסען זיין גייסט"

דאָ זעהן מיר משה'ן. משה דער געטליכער נביא, שטאָלצירט ניט מיט זיך, אָבער דריקט אויס זיין וואונש, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל זאָל אָנגעפילט ווערען מיט דעם גייסט פון נבואה.

דאס איז איינער פון די הויפּט פּרינציפּען אין יודענטום. יעדער איינצעלנער איד קען זיך דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה אין דער וועלט פון גייסט. אמת, ניט אַלע קענען ווערען נביאים, ווייל נביאים האָבען געקענט זיין נאָר אין אַ געוויסער עפּאָכע. אָבער יעדער איד קען דערגרייכען אַ הויכע מדרגה אין דעם וויסען פון אונזער תורה און אין גוטע מעשים.

די היינטיגע סדרה דערציילט אונז אויך אַז משה איז געווען דער גרעסטער ענו אויף דער וועלט, און אונזערע חכמים פון אַלע דורות באַטראַכטען די מדה פון עניוות אַלס איינע פון די שענסטע מדות.

דאָס איז די לעקציע וואָס איך וועל לערנען פון דער היינטיגער סדרה.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט דעם גרויסען און וואונדערבאַרען אויסדרוק פון דעם נביא זכריה:

„לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי, אמר ה'"

ניט מיט אַן אַרמיי און ניט מיט קראַפט, נאָר מיט מיין גייסט, האָט געזאָגט גאָט.

אין דעם דאָזיגען אויסדרוק איז פאַרבאָרגען דער סוד פון דער אידישער גרויסקייט און דער אידישער עקזיסטענץ. ניט מיט אונזער צאָל, און ניט מיט אונזער גבורה, זיינען מיר אַ גרויס פאָלק, נאָר מיט דעם געטליכען גייסט וואָס לעבט אין אונז. פון זינט מיר זיינען אַ פאָלק זיינען מיר געווען אַ קליין און אַ שוואַך פאָלק. גרויסע און מעכטיגע פעלקער האָבען אונז אַטאַקירט אַפילו ווען מיר האָבען געוואוינט אין אונזער אייגען לאַנד. און דאָך איז פון יענע אַלטע פעלקער קיין איינער ניט איבערגעבליבען, און מיר זיינען געבליבען לעבען ביז היינטיגען טאָג. פאַר וואָס?

ווייל אין אונז לעבט דער גייסט פון גאָט. און דער דאָזיגער גייסט איז אַן אייביגער.

דער דאָזיגער גייסט איז ניט נאָר געווען ביי אונז אין די אמאָליגע צייטען נאָר ער איז ביי אונז די איצטיגע צייט אויך. ביי יעדען אידען אין האַרצען גליהט אַ פונק פון דעם הייליגען פייער וואָס האָט געברענט אין די הערצער פון אונזערע נביאים.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה און ווייטער פיהל איך אַז אויך אין מיר וועט ברענען דער דאָזיגער פונק. און טאָמער וועלען בלאָזען אויף מיר בייזע ניט אידישע ווינטען און דעם פונק וועלען אויסלעשען, וועל איך זיך דערמאָנען אין דעם פסוק „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי“—און דער פונק וועט ניט אויסגעלאָשען ווערען.

שלח

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען די מרגלים. זייער זינד איז געווען וואָס זיי האָבען גערעדט שלעכטס אויפ'ן לאַנד. דאָס איז געווען איין זינד, אָבער די דאָזיגע זינד האָט געבראַכט מיט זיך נאָך זינד. די מרגלים האָבען אָפּגעשראָקען דאָס פאָלק, האָבען ביי אים אָפּגעשוואַכט די אמונה אין גאָט און אין משה'ן, און האָבען אויך אויפגערייצט דאָס פאָלק קעגען משה'ן.

די זינד פון די מרגלים קוקט אויס קלענער פון די זינד מיט'ן עגל. פון דעסט וועגען האָט גאָט מוחל געווען פאַר'ן עגל, אָבער ניט פאַר די מרגלים. משה האָט בלויז געפּועל'ט ביי גאָט אַז דאָס פאָלק זאָל ניט אויסשטאַרבען מיט איין מאָל דורך אַ גרויסער מגפה. אָבער ער האָט ניט געקענט מבטל זיין די גאַנצע גזרה, אַז דער גאַנצער דור המדבר זאָל אויסשטאַרבען און בלויז זייערע קינדער זאָלען אַריין אין לאַנד.

פון דער סדרה לערן איך, אַז מיר דאַרפען ליבען ארץ ישראל און גלויבען אין איר. אַפילו ווען מיר באַגעגענען גרויסע שוועריגקייטען אום איר אויפצובויען, טאָרען מיר זיך ניט פאַר־צווייפלען.

באַזונדערס לערן איך פון דער סדרה די אמונה אין גאָט און אין אונזערע נביאים. אמונה אַז אַלעס וואָס אונז איז צוגעזאָגט גע־וואָרען, וועט מקויים ווערען. און אַפילו עס געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט און די ישועה קומט ניט–איז ניטאָ וואָס זיך צו פאַרצווייפלען.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, וועל איך אַיינקריצען טיף אין מיין האַרצען די 2 גרויסע פּרינציפּען פון אונזער רעליגיע: די אמונה אין גאָט אין די נביאים און די אמונה אין דער צוקונפט פון פאָלק ישראל אין ארץ ישראל.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט וועגען די

מרגלים וואָס זיינען געקומען צוריק צו יהושע'ן און אים דערציילט וואָס זיי האָבען געזעהן און געהערט אין דעם לאַנד כנען.

זייער דערציילונג האָט פאַרשטאַרקט ביי יהושע'ן דעם־בטחון אַז דאָס לאַנד וועט איינגענומען ווערען, און ער האָט אָנגעהויבען צוגרייטען דאָס פאָלק פאַר דער מלחמה.

דאָס איז געווען אַ גרויסער טאָג אין אונזער געשיכטע. יענעם טאָג האָט יהושע און דאָס פאלק געוואוסט אַז זיי וועלען ווערען אַ גרויס ציוויליזירט פאָלק וואָס וואוינט אויף זיין אייגען לאַנד.

און אַזוי איז געווען.

מיר זיינען געוואָרען אַ גרויס פאָלק. מיר האָבען אַרויסגעגעבען גבורים און נביאים און משוררים. מיר האָבען געהאַט גענוג צרות אין אונזער לאַנד. מיר זיינען אָפט אָפּגעגאַנגען פון אונזער תורה און אמונה, און די שכנ'ישע פעלקער האָבען אונז אָפט אַטאַקירט און פאַרביטערט אונזער לעבען. אָבער נאָך אַלע צרות האָט ארץ ישראל אויסגעבילדעט אונזער גרויסען גייסט און אונז געמאַכט פאַר דעם פאָלק וואָס מיר זיינען.

און ווען מיר זיינען געגאַנגען אין גלות, האָבען מיר ארץ ישראל ניט פאַרגעסען. זי איז געווען טיף איינגעקריצט אין אונזער זכרון און נשמה. און די לעצטע צייט באַנוגען מיר זיך מעהר ניט מיט האָפנונגען און תפלות נאָר מיר טוען און אַרבייטען צו אויפלעבען ארץ ישראל.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, נעם איך אויף זיך צו ליבען און צו שעצען ארץ ישראל. און צוזאַמען מיט אַלע אידישע פליכטען נעם איך אויף זיך די פליכט פון אַרבייטען פאַר דער אויפלעבונג פון פאָלק ישראל און ארץ ישראל.

קרח

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען קרח און זיין עדה, זיי זיינען איינגעזונקען געוואָרען דערפאַר ווייל זיי האָבען זיך געשטעלט קעגען משה און אהרן.

קען זיך דאָ דערוועקען די פראַגע: איז דאָס ניט געווען קיין צו גרויסע שטראָף? וואָרום קרח און זיינע חברים האָבען דאָך ניט געדינט קיין געצען און ניט פאַרגאָסען קיין בלוט. זיי האָבען זיך געקריגט מיט משה און אהרן. איז זיי געקומען דערפאַר אַזאַ שוידערליכע שטראָף?

דער ענטפער איז: זייער זינד איז געווען גרויס, ווייל זיי האָבען געמאַכט אַ גרויסען ברוך אין פאָלק. זיי האָבען זיך באַמיהעט אָפּ־טויטען ביים פאָלק די אמונה אין משה'ן און אַריינטראָגען אַ צו־שפּליטערונג אין דער אידישער מחנה. דאָס איז אַ גרויסער פאַר־ברעכען, ווייל די איינינקייט פון פאָלק איז דער יסוד פון זיין עק־זיסטענץ און ערפאָלג.

מיר ווייסען דאָך אַז די בירגערליכע מלחמה אין אַמעריקאַ איז פאָרגעקומען צוליב אַזאַ צושפּליטערונג און צוליב דעם אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק זאָל צוריק זיין פאַראייניגט.

און אויב מיר אידען עקזיסטירען ביז היינטיגען טאָג איז דאָס דערפאַר ווייל מיר זיינען אַ פאַראייניגט פאָלק. וואָס פאַראייניגט אונז?

איין תורה. איין שפּראַך—די העברעאישע שפּראַך. איין לאַנד —ארץ ישראל. און כל זמן מיר וועלען האָבען די דאָזיגע דריי הייליגע זאַכען וועלען מיר זיין פאַראייניגט און לעבען אַלס פאָלק.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, נעם איך אויף זיך אַז אין מיר זאָל לעבען דער דאָזיגער הייליגער געדאַנק פון אידישער איינינקייט דורך אונזער תורה, שפּראַך און לאַנד.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט די שטרענגע

ווערטער פון שמואל הנביא פאַר וואָס דאָס פאָלק האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ קעניג.

שמואל איז געווען אונזער ערשטער דעמאָקראַט. ער האָט געוואָלט אַז די פירער פון אונזער פאָלק זאָלען זיין שופטים און נביאים, און ניט קיין קעניגס. שמואל האָט געוואוסט אַז פיל צרות קומען אויף אַ פאָלק דורך קעניגס, בפרט אין די אַלטע צייטען. דאָס פאָלק האָט אָבער שמואל'ן ניט געוואָלט הערען. דאָס פאָלק האָט געוואָלט אַ קעניג, און גאָט האָט געראַטען שמואל'ן ער זאָל נאָכגעבען דעם פאַרלאַנג פון פאָלק.

אין די היינטיגע צייטען איז כמעט ביי אַלע פעלקער אָנגענומען דער געדאַנק פון שמואל הנביא. די לענדער ווערען געפירט ניט דורך אַבסאָלוטע הערשער, נאָר דורך אויסדערוויילטע פון פאָלק. עס זיינען אָבער נאָך דאָ ביי אונז גרויסע אידעאַלען פון אונזער תּורה און אונזערע נביאים, וואָס זיינען נאָך ניט אָנגענומען ביי די פעלקער. די פעלקער זיינען נאָך ניט רייף פאַר זיי. ווי צום ביישפּיל דער גרויסער אידעאַל פון וועלט־שלום.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, שליס איך זיך אָן אין אונזער פאָלק, דאָס פאָלק פון די נביאים. פאַרפליכטע איך זיך צו שטודירען און וויסען די הייליגע געדאַנקען פון אונזער תּורה און נביאים און זיין געטריי צו זיי מיין גאַנצען לעבען.

חקת

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט די דינים פון „פרה אדומה". די דאָזיגע דינים זיינען פאַר אונז ניט ערקלערט. און אונזערע חכמים פרעגען טאָקע: „למה כתוב חוקת התורה?" פאַר וואָס שטעהט דאָ דערמאָנט „חוקת"? און זיי ענטפערען:

ווייל דער שטן און די פעלקער פרעגען: וואָס פאַר אַ זין האָט די דאָזיגע מצוה? דערפאַר איז געשריבען „חוקת" וואָס דאָס מיינט אַז דאָס איז אַ גזירה און דו ביסט ניט דערלויבט צו קלערען וועגען דעם.

דער אמת איז אַז די מערסטע געזעצען אונזערע האָבען אַן ערקלערונג און אַ זין. אָדער זיי זיינען גוט פאַר אונזער קערפּער אָדער צו איידעלען אונזער כאַראַקטער. אָבער גאָט ברוך הוא האָט אונז אויך געגעבען געוויסע געזעצען וואָס מיר וויסען ניט זייער זין. פאַר וואָס?

כּדי צוצובינדען אונז צו אונזער תּורה אויך דורך געוויסע גזירות. דאָס איז פּונקט ווי אַ קראַנקער קריגט פון דאָקטאָר זעהר ביטערע רפואות. דער קראַנקער ווייסט ניט דעם זין פון די רפואות, און דאָך זיינען זיי רפואות פאַר אים.

דאָס זעלבע איז מיט אונזער תּורה. משה רבנו האָט גוט גע־וואוסט דעם זין פון יעדער געזעץ פאַר אונזער טובה וועגען און דאָס איז גענוג.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, נעם איך אויף זיך צו האַלטען הייליג און טייער אַלע אונזערע מצות, סיי די וואָס איך פערשטעה, סיי די וואָס איך פאַרשטעה ניט, ווייל איך ווייס: די מצות פון אונזער תּורה זיינען בלויז פאַר אונזער טובה און גליק.

בלק

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה געפינען מיר אַ סך וואונדערשיינע פּסוקים. פון זיי לערנען מיר דעם אידישען גייסט און די אידישע אייגענשאַפטען. אַט האָבען מיר, צום ביישפּיל, דעם פּסוק: „הן עם לבדד ישכן, ובגוים לא יתחשב." דאָס איז אַ פאָלק וואָס לעבט אָפּגעזונדערט, און רעכענט זיך ניט צווישען די פעלקער.

בלעם הרשע איז באמת געקומען שעלטען דאָס פאָלק ישראל, אָבער ווען ער האָט אין זיך דערפילט דעם גייסט פון נבואה האָט ער געמוזט בענשען און לויבען דאָס פאָלק, אַז ער איז איינער צווי־שען אַלע פעלקער און זיין גייסט און אין זיינע מעשים.

אָדער דער פּסוק: „כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל." דאָס מיינט, עס וועט קומען אַ צייט ווען אַלע פעלקער וועלען פרעגען דעם אידישען פאָלק וועגען די גרויסע געטליכע וואונדער, ווייל דאָס פאָלק ישראל וועט זיין דער לערער פון אַלע פעלקער.

די דאָזיגע נבואה איז שוין מקויים געוואָרען. וואָרום פון אונזער תורה האָבען אַלע פעלקער געלערענט און לערנען נאָך די ערש־טע יסודות פון אַ מאָראַלישען לעבען.

אין היינטיגען טאָג ווען איך בין בר־מצוה געוואָרען וועלען זיך אין מיר איינקריצען די דאָזיגע פּסוקים. איך וועל געדענקען, אַז מיר זיינען אַ גרויס הייליג פאָלק, און אַז אַלע פעלקער לערנען זיך פון אונז. דער דאָזיגער געדאַנק מאַכט מיר פיהלען אמת גליק־לאַך וואָס איך שליס זיך אָן אין אונזער פאָלק ישראל.

די הפטרה

ביים סוף פון דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט דעם דאָזיגען פּסוק:

„הגיד לך אדם מה טוב, ומה ה' דורש ממך?—כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם ה' אלהיך."

האָט דיר עמיצער דערציילט וואָס הייסט גוטס, און וואָס פאַר־

לאַנגט פון דיר גאָט?—ער פאַרלאַנגט פון דיר נאָר צוטאָן גערעכ־טיגקייט און ליב האָבען חסד און זיך פירען צניעות'דיג פאַר דיין גאָט.

דאָס איז דער תמצית פון אונזער אמונה.

גערעכטיגקייט. דאָס מיינט, טו ניט דעם צווייטען דאָס וואָס דו ווילסט ניט ער זאָל דיר טאָן. טו חסד. דאָס מיינט העלף דעם צווייטען אָפילו ווען דו ערוואַרטסט ניט פון אים קיין טובה. און זיי צניעות'דיג. דאָס הייסט, ווען דו ביסט גוט און ערליך, נעם זיך ניט איבער מיט דעם, ווייל ס'איז דיין פליכט צו זיין אַזעלכער.

דאָס זיינען פשוט'ע קלאָרע רייד, אָבער ווי גרויס זיי זיינען. און היינט ביי מיין בר־מצוה פיהל איך אַ טיפען באַגעהר אַז אין מיין גאַנצען נייעם לעבען זאָל איך זיך האַלטען ביי די הייליגע ווערטער פון אונזער נביא, און דערמיט זיין אַ אמת'ער געטרייער זון צו אונזער פאָלק און אונזער תורה.

פנחס

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט וועגען פּנחס בן אהרן הכּהן וואָס האָט זיך אָנגענומען קנאת ה' צבאות.

אויפן ערשטען קוק קומט אויס אַז פּנחס האָט געטאָן אַ זעהר גרויזאַמע זאַך. ער האָט געטויטעט אַ אידישען נשיא און אַ מדינישע פרוי דערפאַר וואָס זיי האָבען געהייראַט. פאַר וואָס זאָל אים די תּורה אַזוי שטאַרק לויבען דערפאַר? ווייסען מיר דאָך, אַז אונזער תּורה איז אַ תּורה פון רחמים און האָט פיינט בלוט פאַר־גיסונג, ווי אַזוי זשע באַטראַכט זי פּנחס'עס האַנדלונג אַלס אַ נאָ־בעלע האַנדלונג?

דער ענטפער איז דער:

עס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסע סכּנה פאַר אונזער פאָלק. עס האָט געהאַלטען דערביי אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל זיך אויסמישען מיט די מדינים און ווערען איין פאָלק. פּנחס האָט מיט זיין האַנדלונג דאָס פאַרהיט.

פּנחס האָט געהאַנדעלט ווי אַ פלאַמענדער אידישער פּאַטריאָט און ער איז געוואָרען אַ ביישפּיל פאַר אַלע גרויסע אידישע פּאַטריאָטען, ווי אליהו הנביא, די מאַקאַבעער און אונזערע העל־דען אין דער צייט פון בית שני, וואָס האָבען געקעמפט פאַר דער אידישער עקזיסטענץ.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך נעם אויף זיך זיין געטריי אונזער תּורה און אונזער פאָלק, איז מיין טיפסטער באַגער, אַז אויך אין מיר זאָל ברענען אַ פונק פון דעם הייליגען פייער וואָס האָט באַגייסטערט אַלע אונזערע גבורים און קדושים און זיי געמאַכט צו זיין גרייט שטענדיג מקדש השם זיין.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה וועגען אליהו הנביא וואָס איז אַנטלאָפען אין דער מדבר, נאָכדעם ווי איזבל די מרשעת האָט באַשלאָסען אים צו טויטען.

עס קלינגען אין אונזערע אויערען די ווערטער פון דעם דאָזי־
גען געטליכען נביא:

„קנא קנאתי לה׳ אלהי צבאות, כי עזבו בריתך בני ישראל, את מזבחותיך הרסו ואת נביאיך הרגו בחרב ואותר אני לבדי ויבקשו את נפשי לקחתה״—

איך האָב זיך אײַנגעשטעלט פאַר דעם כבוד פון גאָט, ווייל דאָס פאָלק ישראל האָט פאַראַטען זיין בונד מיט דיר. דיינע מזבחות האָבען זיי צושמעטערט און דיינע נביאים האָבען זיי אויס־גע׳הרג׳ט מיט דער שווערד. איך בין דער איינציגער וואָס איז פאַרבליבען האָבען זיי מיך אויך געוואָלט טויטען.

דאָ הערען מיר אַ שטימע פון טיפען וויטאָג און פאַרצווייפלונג. דאָס גאַנצע פאָלק איז געוואָרען פאַרעטעריש צו גאָט. פון אַלע נביאים איז ער דער איינציגער פאַרבליבען, אָבער ער איז אויך אין טויט־געפאַר. ווער וועט בלייבען נאָך אים? ווער וועט ברייג־גען צוריק דאָס פאָלק ישראל צו גאָט?

און גאָט ברוך הוא ענטפערט אים: זיי ניט פאַרצווייפעלט, אליהו. אמת, דיין סוף איז שוין געקומען, אָבער דו וועסט איבער־געבען דיין גייסט צו דיין תלמיד אלישע הנביא און ער וועט פאָרט־זעצען וואָס דו האָסט אָנגעפאַנגען.

דאָס איז איינע פון די דערציילונגען אין תנ״ך פון וועלכער מיר לערנען אַ גרויסע לעקציע אין אונזער גאַנצער געשיכטע. אָפט מאָל קוקט אויס ווי עס קומט אַ סוף צו אונזער פאָלק, ווייל ער געהט אַוועק פון אונזער תורה און אמונה. קומט אָבער אַ גרוי־סער נביא אָדער אַנאַנדער גרויסער אידישער פירער און צינט אָן צוריק דעם אידישען פונק. פון דעם פונק ווערט אַ פלאַם, און דער אמת׳ער אידישער גייסט וואַרימט און שיינט.

אין מיין היינטיגען הייליגען טאָג פון מיין בר־מצוה איז גרויס מיין באַגער אַז אויך אין מיין האַרצען זאָל לייכטען אַ פונט פון דעם נביאישען פייער, און אַז אויך אין מיר זאָל ברענען דער פייער פון ליבע צו אונזער תורה און פאָלק.

מטות

די סדרה

מיר האָבען היינט געלייענט די דערציילונג וועגען די בני גד און די בני ראובן און דער האַלבער שבט מנשה. זיי האָבען געפונען גוטע פעטע לאַנד פאַר זייער פיה אין דעם מזרח זייט פון ירדן און זיי האָבען געבעטען פון משה'ן די דערלויבעניש זיך דאָרט צו באַזעצען. לכתחלה איז משה זעהר בייז געוואָרען. ער האָט געמיינט אַז די דאָזיגע שבטים ווילען זיך אָפּטיילען פון דעם גאַנצען פאָלק. דאָס האָט אים זעהר דערביטערט.

נאָר ערשט ווען זיי האָבען אים פאַרזיכערט אַז זיי וועלען העלפען דעם גאַנצען פאָלק אין דער מלחמה מיט די כנענים, האָט ער זיי דערלויבט זיך באַזעצען אין דער לאַנד וואָס זיי האָבען פאַר זיך אויסגעקליבען.

די דאָזיגע דערציילונג לערענט אונז קיין מאָל ניט אָפּשטעהן פון דעם כלל ישראל, ניט אַריינלאָזען זיך אין אייגענעם פאַרגעניגען ווען דאָס פאָלק פאַרלאַנגט הילף.

און דאָס וועט זיין פאַר מיר זעהר אַ גוטע לערע. היינטיגען טאָג ווער איך בר־מצוה. איך שליס זיך אָן אין דעם אידישען פאָלק. זיין פרייד וועט זיין מיין פרייד, און זיין צער—מיין צער. און ווען נאָר עס וועט פון מיר געפאָדערט ווערען וועל איך זיין גרייט קומען צו הילף אונזער פאָלק מיט אַלעס וואָס איך וועל קענען.

און ווען איך נעם אויף זיך דערפילען מיינע אידישע פליכטען, וועל איך דאָס טאָן ניט נאָר אַלס אַ פליכט נאָר מיט שמחה און פאַרגעניגען, ווייל עס איז ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגען ווי צו זיין האַרציג פאַרבונדען מיט אונזער פאָלק ישראל.

די הפטרה

זיך באַנוצען מיט דער רעדע וואָס איז געשטיצט אויף דער הפטרה פון סדרה „שמות" לויט מנהג ספרד.

מסעי

די סדרה

אין דער הייַנטיקער סדרה האָבן מיר געלייענט וועגן די ערי־מקלט, וואוהין עס קען זיך ראַטעווען דער וואָס האָט אומגערן גע'הרג'ט אַ מענשן.

פון די דינים וועגן די ערי־מקלט לערנען מיר ווי טייער איז דאָס מענשליכע לעבן ביי אונזער תורה. און אונזערע חכמים האָבן דאָס אויסגעדריקט אין זייערע וואונדערבאַרע מאַמרים: „כל המאבד נפש אחת כאלו אבד עולם מלא" און „כל המקיים נפש אחת כאלו קיים עולם מלא". דער וואָס פאַרניכטעט איין לעבעדיקען נפש איז גלייך ווי ער האָט פאַרניכטעט אַ גאַנצע וועלט, און דער וואָס ראַטעוועט פון טויט איין לעבעדיקען נפש, איז גלייך ווי ער האָט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט.

אונזער תורה איז אַ תורת־חיים, אַ תורה פון לעבען. סיי פאַר דעם איינצעלנעם, סיי פאַר דעם גאַנצען כלל. און ווען מיר זעהן ווי אַזוי אונזער פאָלק איז זיך מוסר־נפש פאַר אונזער תורה, איז דאָס דערפאַר וויל אין איר, אין אונזער תורה, האָט ער געפונען אַ קוואַל פון לעבען, סיי פאַר יעדען אידען באַזונדער, סיי פאַר דעם גאַנצען פאָלק ישראל.

און צוויי זאַכען וועל איך לערנען פון דער הייַנטיקער סדרה:

איינס, אַז דאָס מענשליכע לעבען און דאָס מענשליכע געזונט זאָל זיין פאַר מיר הייליג און טייער פונקט ווי דאָס איז פאַר אונזער תורה.

צווייטענס, אַז אונזער תורה זאָל מיר זיין ליב און הייליג פונקט ווי זי איז געוועזן אונזער פאָלק זינט ער איז געוואָרען אַ פאָלק.

און דאָס איז הייַנטיקען טאָג פון מיין בר־מצוה, ווען איך שליס זיך אָן אין אונזער פאָלק און אונזער תורה—מיין טיפסטער באַגער.

די הפטרה

ביים אָנפאַנג פון אונזער הייַנטיקער הפטרה לייענען מיר די ווערטער פון אונזער גרויסען נביא:

„שמעו דבר ד' בית יעקב וכל משפחות בית ישראל. כה אמר ד': מה מצאו אבותיכם בי עול כי רחקו מעלי, וילכו אחרי ההבל ויהבלו"?

דאָס הייסט: הערט, איר משפחות פון יעקב און ישראל, דאָס וואָרט פון גאָט. אַזוי זאָגט גאָט: וואָס האָבן אייערע עלטערן געפונען אין מיר אומרעכט וואָס זיינען אַוועק פון מיר און זיך געלאָזט געהן נאָך נאַרישקייטען און געצען דינסט און אַליין פאַרנאַרישט געוואָרען?

דער נביא דריקט אויס די דאָזיגע ווערטער מיט אַ טיפער פאַרביטערונג. ער זעהט ווי דער יונגער דור געהט אַוועק פון אונזער תורה און אמונה. פרעגט ער ניט זיי, נאָר פאַר וואָס האָבען זיך זייערע עלטערען דערווייטערט פון גאָט?

דער נביא ווייסט אַז די יוגענד איז ניט שולדיג ווען זי געהט אַוועק פון אידישקייט, נאָר די עלטערען זיינען שולדיג. ווייל זיי האָבען ניט געגעבען זייערע קינדער קיין אידישע ערציהונג און אין זיי ניט איינגעפלאַנצט קיין אידישען גייסט.

אויך היינטיגע צייטען געפינען זיך עלטערען וואָס געבען ניט זייערע קינדער קיין אידישע ערציהונג. איך ווייס ניט וואָס איז די אורזאַכע דערפון, אָבער ווייסען ווייס איך אַז ביי מיר לעבט אַ טיפער רצון צו זיין געטריי אונזער תורה און אמונה און אונזער פאָלק.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה הויב איך ערשט אָן צו באַגרייפען ווי גרויס און הייליג איז אונזער תורה, און וויפיל שמחה זי פאַרשאַפט דעם אידען וואָס היט איר אָפּ.

דברים

די סדרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה איינע פון די וויכטיגסטע מצות וואָס אונזער תּורה האָט געגעבן אונזערע ריכטער. דאָס איז דער אָנזאָג: „לא תגורו מפני איש.‟ דאָס מיינט, גיט אַרויס אַ גערעכטען משפּט, און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט.

די דאָזיגע מצוה איז פאַר אונזערע שופטים, די ריכטער. זי איז אָבער ניצליך פאַר יעדען איינעם. יעדער מענש דאַרף ליב האָבען דעם אמת און האַנדלען מיט'ן אמת. דער אמת, זאָגען אונזערע חכמים, איז דער זיגעל פון גאָט ברוך הוא. דערפון איז פאַרשטענדליך אַז ער דאַרף זיין זעהר הייליג און טייער.

און דאָס איז מיין לערע היינטיגען טאָג, ווען איך ווער בר־מצוה און הויב אָן אַ נייע אידיש לעבען.

מיר לעבען איצט אין אַ צייט ווען פילע אידען היטען ניט אָפּ אונזער תּורה ווי מ'פלעגט דאָס טאָן אין די אַמאָליגע צייטען. איך וועל אָבער ניט קוקען אויף דעם. מעג איך זיין אַפילו צווישען אַזעלכע קרייזען וואָס קענען ניט אונזער תּורה און שעצען איר ניט, וועל איך זיך מיט די דאָזיגע מענשען ניט רעכענען. דער אמת און די שיינקייט פון אונזער תּורה וועלען מיר זיין טייערער פון אַלעס.

און מיין טיפסטער באַגער היינט איז, אַז גאָט ברוך הוא זאָל מיר מוטיגען און קרעפטיגען גייסטיג כּדי איך זאָל קענען זיין געטריי אונזער תּורה און אמונה מיט'ן גאַנצען האַרצען.

די הפטרה

אין דער היינטיגער הפטרה האָבען מיר געלייענט די צאָרנדיגע ווערטער פון ישעיה הנביא קעגען דעם פאָלק יהודה.

דער נביא דריקט אויס זיין כּעס און פיינדשאַפט קעגען די ימים־טובים און די קרבנות. ער קען אויך ניט דולדען די תּפלות. וואָס דען פאָדערט דער נביא?

„רחצו, הזכו, הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני. חדלו הרע.‟

וואשט זיך אָפּ פון אַייערע זינד, לייטערט זיך, נעמט אַוועק אַייערע שלעכטע מעשׂים פון מיינע אויגען, הערט אויף טאָן שלעכטס.

דאָס פאָדערט דער נביא פון פאָלק. די קרבנות און די תּפלות און די ימים טובים זינען נאָר דאַמאָלס גוט פאַר גאָט, ווען דאָס פאָלק פירט זיך אויף ערליך אין זיין שטענדיגען און אָלטעגליכען לעבען.

און היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה וועל איך די דאָזיגע הייליגע לערע איינקריצען טיף אין מיין זכּרון. איך דאַרף זיך פאַרפליכטען צו מקיים זיין צוויי סאָרטען מצוות: די מצוות „בין אדם למקום" צווישען מענשען און גאָט, און די מצוות „שבין אדם לחברו", צווישען מענש און מענש. די מצוות פון דעם ערשטען סאָרט וועלען מיר מאַכען פאַר אַ געטרייען אידען. די מצוות פון דעם צווייטען סאָרט — אַ ערליכען אידישען מענשען.

ערשט ווען איך וועל דערפילען ביידע פאַרפליכטונגען וועל איך זיך פילען גליקלאַך און אויך דערמיט געבען כּבוד צו מיין פאַמיליע און צום אידישען פאָלק. וואָרום וואָס מעהר דער איינצעלנער איד איז שענער און ערליכער — אַזוי מעהר כּבוד גיט ער דעם אידישען פאָלק.

ואתחנן

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט די דאָזיגע פסוקים:

„ראה למדתי אתכם חוקים ומשפטים, כאשר צוני ה׳ אלהי. לעשות כן בקרב הארץ אשר אתם באים שמה לרשתה. ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אשר ישמעון את כל החוקים האלה ואמרו: רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה.״

דאָס מיינט, זעה, איך האָב אייך היינט געלערנט געזעצען און דינים, ווי גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט, איר זאָלט זיי טאָן אין דעם לאַנד וואוהין איר קומט אַריין איר צו באַזעצען. און איר זאָלט זיי היטען און טאָן ווייל דורך דעם ווערט אַרויסגעוויזען אייער חכמה און פאַרשטאַנד פאַר די פעלקער, וואָס וועלען הערען פון די דאָ־זיגע געזעצען און זאָגען: נאָר דאָס דאָזיגע גרויסע פאָלק איז אַ קלוג און פאַרשטאַנדיג פאָלק.

די דאָזיגע פסוקים וועלען מיר טיף איינגעקריצט ווערען אין מיין זכרון. מיר זיינען געווען און זיינען ביז היינטיגען טאָג אַ קלוג פאָלק. אַלע פעלקער, אַפילו אונזערע שונאים, אַנערקענען דאָס.

פון וואַנעט קומט אונזער חכמה?

פון אונזער תורה. פון אירע גוטע און קלוגע געזעצען. איך האָב נאָך וויניג געלערענט אונזער תורה. אָבער פון דעם ביסעל וואָס איך האָב געלערענט, ווייס איך שוין אַז מיר זיינען אַ פעהיג פאָלק און דאָס מאַכט מיר פילען גליקלאַך און שטאָלץ. און איך גלויב אַז דער דאָזיגער געפיהל וועט שטענדיג לעבען ביי מיר און מיך באַוועגען צו זיין שטענדיג געטריי אונזער פאָלק און אונזער תורה.

די הפטרה

דער היינטיגער שבת איז „שבת נחמו!״ ווייל מיר הויבען אָן אונזער הפטרה מיט דעם נביא׳ס ווערטער – „נחמו, נחמו עמי יאמר אלהיכם״, טרייסט טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט.

דאָס איז אונזער לעבען זינט מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק. נאָך „שבת חזון", אַ שבת פון שטראָף און טרויער, קומט „שבת נחמו", דער שבת פון נחמות און גוטע בשורות.

און אין דער אמת'ן. די שמחה איז גרעסער און טיפער, ווען זי קומט נאָך צער און פּיין. די גאולה און פרייהייט איז זיסער ווען זי קומט נאָך ביטערער און לאַנגער פאַרשקלאַפונג.

די ווערטער פון אונזער גרויסען נביא ווערען מקויים אויך ביי דער איצטיגער צייט. נאָך דעם לאַנגען גלות הויבט זיך אָן ביי אונז איצט די צייט פון אונזער גאולה. נאָך צוויי טויזענט יאָר פון חורבן, הויבט אָן אונזער לאַנד, ארץ ישראל, אויפגעלעבט ווערען, און פון אַלע עקען פון דער וועלט דערוואַכט אונזער פאָלק און העלפט דאָס לאַנד אויפגעלעבט ווערען.

און ניט נאָר קומט די גאולה צו ארץ ישראל. עס ווערט אויך אויפגעלעבט דאָס פאָלק ישראל. מיר הויבען זיך זעלבסט־אָן מעהר צו שעצען, צו לערנען אונזער תורה און אונזער העבּ־רעאישע שפּראַך.

און אין מיין היינטיגען בר־מצוה טאָג ווען איך פאַרפליכטע זיך צו זיין געטריי די מצות פון אונזער תורה, פאַרפליכטע איך זיך באַזונדערס צו מקיים זיין די מצוה פון בנין ארץ ישראל, צו העלפען מיט אַלעס וואָס איך קען צו אויפבויען אונזער לאַנד.

עקב

די סדרה

אין דער היינטיגער סדרה האָבען מיר געלייענט די דאָזיגע פסוקים:

„פן תאכל ושבעת, ובתים טובים תבנה וישבת, ובקרך וצאנך ירבון, וכסף וזהב ירבה לך, וכל אשר לך ירבה, ורם לבבך ושכחת את ד׳ אלהיך המוציאך מארץ מצרים מבית עבדים.“

טאָמער וועסטו עסען און זיך זעטיגען, דו וועסט בויען גוטע הייזער און וואוינען אין זיי, דיינע רינדער און שאָפּוועלען זיך מערען, דו וועסט האָבען אַ סך גאָלד און זילבער, און אַלעס וואָס דו פאַרמאָגסט וועט ווערען אַלץ מעהר, דאַמאָלסט וועסטו ווערען ביי זיך שטאָלץ און דו וועסט פאַרגעסען דיין גאָט וואָס האָט דיר אַרויסגעפירט פון מצרים, פון דער הויז פון פאַרשקלאַפונג.

ווי ריכטיג די ווערטער זיינען. מיר זעהן זעהר אָפט ווי ערליכע מענשען ווי נאָר זיי ווערען רייך און הויבען אָן אַ לעבען פון פאַרגעניגען, ווערען זייערע הערצער פאַרשטאָפּט און זייערע אויגען פאַרמאַכט צו פיהלען און צו זעהן דאָס גוטע און דאָס ערליכע פון דעם לעבען. זייער גאַנצער געדאַנק איז פאַרנומען בלויז פאַר זיך און פאַר זייערע אייגענע פאַרגעניגענס. פון דעם וויל אונז אונזער תורה באַוואָרענען.

אין היינטיגען טאָג פון מיין בר־מצוה, וועל איך געדענקען די ווערטער פון אונזער סדרה. צו בלייבען געטריי אונזער תורה און אמונה, אַפילו ווען איך וועל דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון רייכטום און פערזענליכען גליק. נאָך מעהר, ערשט אין אַ זאַ צייט זאָל איך טאָן גוטס דעם צווייטען מיט אַ פולער האַנד און דערמיט זיך פאַרשאַפען דעם אמת׳ן גייסטיגען גליק.

די הפטרה

מיר לייענען אין דער היינטיגער הפטרה די פאָלגענדע ווערטער פון נביא:

„שמעו אלי רודפי צדק, מבקשי ה׳. הביטו אל צור חצבתם

ואל מקבת בור נקרתם. הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם, כי אחד קראתיו ואברכהו וארבהו.״

הערט זיך אײַן צו מיר, די וואָס יאָגען זיך נאָך גערעכטיגקייט, וואָס זוכען גאָט. קוקט זיך אײַן אין דעם פעלז פון וואַנען איר זיינט אויסגעהאַקט און פון דער הייל פון וואַנעט איר זיינט אויסגעגראָבען. קוקט צו אברהם אײַער פאָטער און שרה אײַער מוטער. נאָר אים איינעם האָב איך געבענשט און אים פאַרמערט.

די דאָזיגע ווערטער האָט דער נביא געזאָגט ווען ער האָט געזעהן אַז דאָס פאָלק איז געווען פאַרצווייפעלט, ווען ער האָט זיך געפיהלט דערנידעריגט. דער נביא שרייט אויס: פאַלט בײַ זיך ניט אַראָפּ! באַטראַכט ווער זיינען אײַערע עלטערען. אברהם און שרה. זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבען אַנערקענט דעם איינציגען גאָט. און עס איז ניטאָ קיין פאָלק וואָס קען אַזוי שטאָלצירען מיט זיינע עלטערען ווי דאָס אידישע פאָלק. ווייל די ערשטע עלטערען פון אַלע פעלקער זיינען געווען ווילד און גרויזאַם ווי חיות. אָבער אונזערע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב האָבען זיך שוין אויסגעצייכענט מיט זייער כאַראַקטער און מדות. און ווען מיר שטאָלצירען מיט אונזער פאַרגאַנגענהייט, ווערט בײַ אונז פאַרשטאַרקט דער גלויבען אין אונזער צוקונפט און דער מוט צו אַרבייטען פאַר איר.

שטאָלץ מיט אונזער פאַרגאַנגענהייט, אַרבייט פאַר אונזער געגענוואַרט און צוקונפט—דאָס איז די לערע וואָס איך נעם אַרויס אין מיין היינטיגען ״בר־מצוה טאָג פון דער היינטיגער הפטרה.

ראה

די סדרה

